צו די 110 יאָר פֿון „פֿאָרווערטס": מענטשן און געשעענישן

פֿון גענאַדי עסטרײַך
ספּעציעל פֿאַרן „פֿאָרווערטס"

אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ: פֿון „פֿרײַהייט" ביז „פֿאָרווערטס"

ניט שטענדיק קען מען פֿאַרשטיין און דערקלערן די לאָגיק, לויט וועלכער אַ פּערזענלעכקייט ווערט דערמאָנט צי ניט דערמאָנט אין אַן ענציקלאָפּעדישן באַנד. צומאָל האָט עס פּשוט צו טאָן מיט דעם צונויפֿשטעלערס פּערזענלעכער באַציִונג. למשל, בײַם שרײַבן די נאָטיצן וועגן דער „פֿאָרווערטס"־געשיכטע נוץ איך די גאַנצע צײַט אליהו שולמאַנס „לעקסיקאָן פֿון 'פֿאָרווערטס'־שרײַבער". דעם אמת זאָגנדיק, איז עס ניט קיין מײַסטער־ווערק. איך גלייב, אַז אַ מאָל וועל איך דערציילן וועגן דעם צונויפֿשטעלער, ד״ר שולמאַן, וואָס איז געווען אַ מומחה אין רוסיש־ און סאָוועטיש־ייִדישער געשיכטע, ווי אויך אין אַ סך אַנדערע געביטן פֿון ייִדישער געשיכטע און קולטור. אָבער צום „לעקסיקאָן" האָט ער – אַזוי שײַנט מיר – זיך באַצויגן ניט זייער ערנסט. ניט איין מאָל האָב איך ניט געקאָנט געפֿינען אין אים קיין אינפֿאָרמאַציע וועגן מענטשן, וואָס זײַנען אַ היפּשע צײַט געווען פֿאַרבונדן מיט דער צײַטונג.

אין איניקע פֿאַלן, אָבער, געפֿינט מען אין דעם „לעקסיקאָן" נעמען פֿון ייִדישע פּען־מענטשן, וואָס האָבן ניט געשפּילט קיין ממשותדיקע ראָלע אין דער „פֿאָרווערטס"־געשיכטע. צו זיי געהערט, למשל, אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ (1901–1965). דאָך בין איך צופֿרידן, וואָס ד״ר שולמאַן האָט געפֿונען פֿאַר פּאָמעראַנצן אַן אָרט, ווײַל דאָס גיט מיר אַ מעגלעכקייט אָנצושרײַבן עטלעכע הונדערט ווערטער וועגן דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן מענטש.

אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ

פּאָמעראַנצעס ביאָגראַפֿיע איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון דער קאָמוניסטישער צײַטונג „פֿרײַהייט", וואָס האָט זיך באַוויזן אין ניו־יאָרק דעם 2טן אַפּריל 1922, דאָס הייסט מיט קנאַפּע 85 יאָר צוריק. פּאָמעראַנץ האָט געהערט צו די ניו־יאָרקער ייִדישע יונגע־לײַט, וועלכע זײַנען געווען פֿאַרכישופֿט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. מיט די פּאָליטישע געשעענישן אין דער „אַלטער היים" האָט פּאָמעראַנץ אַסאָציִירט אויך די צוקונפֿט פֿון קולטור בכלל און דער ייִדישער ליטעראַטור בפֿרט. ער האָט געשריבן לידער אין דעם נוסח פֿון רוסישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער, אַזעלכע ווי וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי.

די צרה איז געווען, וואָס די רעדאַקטאָרן פֿון דער „פֿרײַהייט" האָבן אַזעלכע יונגע מחברים ווי פּאָמעראַנץ בדרך־כּלל וויניק צוגעלאָזט צו דער צײַטונג. די „פֿרײַהייט" האָט אין אירע ערשטע יאָרן צוגעצויגן אַ צאָל באַקאַנטע פּראָזאַיִקער און פּאָעטן און זיך ניט שטאַרק געניייטיקט אין יונגע פּען־מענטשן, דערצו נאָך אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט איבערקערן די גאַנצע ליטעראַרישע וועלט. האָט פּאָמעראַנץ אָרגאַניזירט אַ גרופּע אַזעלכע אָנהייבער ווי ער אַליין, און זיי האָבן גענומען אַרויסגעבן אַן אייגענעם פּראָלעטאַרישן זשורנאַל – „יונג־קוזניע" (1924־1925). דערנאָך האָבן זיי געהאַט אויך אַנדערע אויסגאַבעס.

די „דיסידענטישקייט" זייערע האָט זיך פֿאַרענדיקט אָנהייב 1930ער יאָרן. דעמאָלט האָט די „פֿרײַהייט" אַריבערגעפֿירט איניקע יונגע מחברים אין דער קאַטעגאָריע פֿון גוטע שרײַבער. פֿאַרבונדן איז עס טיילווײַז געווען מיט דעם, וואָס די יוגנט איז אַרײַן אין די פֿעדערן. נאָך וויכטיקער, אָבער, איז געווען דער גאַנצער מצבֿ אין די לינקע ליטעראַרישע קרײַזן: צו דער צײַט האָבן אַ סך „מיטלויפֿער" פֿאַרלאָזט די קאָמוניסטישע קרײַזן, אָדער מע האָט זיי משלח געווען.

אין 1933־1935 האָט פּאָמעראַנץ זיך געלערנט אין קיִעוו, אין דעם אינסטיטוט פֿון ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור. אין יענע יאָרן איז עס געווען דער גרעסטער ייִדישער אַקאַדעמישער צענטער אין דער גאָרער וועלט. דאָרטן האָט פּאָמעראַנץ אָנגעשריבן און פֿאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע וועגן די אַמעריקאַנער ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער. זײַן מזל איז געווען, וואָס ער האָט געהאַט גענוג שׂכל ניט צו פֿאַרבלײַבן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ער האָט זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק און די קומענדיקע 15 יאָר געטרײַ געדינט דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער מאַשין פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמוניזם.

אַ סבֿרא, אַז סוף 1940ער יאָרן איז פּאָמעראַנץ געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען דעם אמתן, טראַגישן באַטײַט פֿונעם שווײַגן פֿון די סאָוועטיש־ייִדישע טוער. אין 1950 האָט ער פֿאַרלאָזט די קאָמוניסטישע קרײַזן. ער האָט געאַרבעט אין פֿאַרשיידענע ערטער, אָבער דער עיקר ווי אַ ביבליאָגראַף – אין ייִוואָ, קאָלומביע־אוניווערסיטעט און ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. דעמאָלט טאַקע, נאָכן פֿאַרלאָזן די „מאָרגן־פֿרײַהייט", האָט ער פֿון צײַט צו צײַט געדרוקט אַרטיקלען אויך אין „פֿאָרווערטס". אָבער אין דער רעדאַקציע גופֿא האָט ער ניט געאַרבעט. אַ סך נעענטער איז מיטן „פֿאָרווערטס" געווען פֿאַרבונדן אַן אַנדער לאַנג־יאָריקער שרײַבער פֿון דער „מאָרגן־פֿרײַהייט". דאָס איז געווען ברוך פֿענסטער (1902־1974), וועלכער איז אויך אין 1950 אַוועק פֿון די קאָמוניסטן און זינט 1957 געווען אַ שרײַבער אין „פֿאָרווערטס".

וואָס שייך פּאָמעראַנצן, האָט ער אין 1962, צום צענטן יאָרצײַט פֿונעם בלוטיקן 12טן אויגוסט 1952, אַרויסגעגעבן אַ בוך, וואָס ער האָט אָנגערופֿן „די סאָוועטישע הרוגי־מלכות". דאָס איז געווען זײַן פּערזענלעכער דענקמאָל נאָך די סאָוועטישע שרײַבער – סײַ די וואָס מע האָט דערשאָסן דעם 12טן אויגוסט, סײַ די וואָס מע האָט אומגעבראַכט אין אַנדערע טעג און יאָרן. אַ סך פֿון די דאָזיקע דיכטער, פּראָזאַיִקער און ליטעראַטור־קענער האָט פּאָמעראַנץ פּערזענלעך געקענט אָדער אַפֿילו זיך מיט זיי געחבֿרט. דאָס בוך איז אויך געוואָרן אַ דענקמאָל פֿאַר דעם ראָמאַנטישן שטראָם אין קאָמוניזם, צו וועלכן עס האָט געהערט פּאָמעראַנץ. ניט צופֿעליק האָט ער אָנגעשריבן אין „די סאָוועטישע הרוגי־מלכות", און אויסגעטיילט די ווערטער: „די בלוטיקע האַנט פֿון קרעמל האָט צעשאָסן ממש אויך די ניו־יאָרקער 'פֿרײַהייט'."

איסלאַם און די צוקונפֿט פֿון אייראָפּע

מיכאל קרוטיקאָוו (ען־אַרבאָר, מישיגען)
ספּעציעל פֿאַרן „פֿאָרווערטס"

ווי ווײַט קאָן זיך איסלאַם צופּאַסן צו אַנדערע קולטורן? קאָן מען שאַפֿן אַן „אייראָפּעיִשן" אָדער אַן „אַמעריקאַנער" נוסח פֿונעם איסלאַמישן גלויבן, ווי עס האָט זיך אַ מאָל אויסגעפֿורעמט דער אַפֿריקאַנער, אָדער דער מיזרח־אַזיאַטישער נוסח? ווי בייגעוודיק און טאָלעראַנט איז די איסלאַמישע טעאָלאָגיע? די דאָזיקע און אַנדערע ענלעכע פֿראַגעס ווערן מיט ברען אַרומגערעדט אויף די זײַטן פֿון דער אייראָפּעיִשער און אַמעריקאַנער פּרעסע. די עקסטרעמע פּונקטן פֿונעם אינטעלעקטועלן וויכּוח זײַנען לעצטנס באַטראַכט געוואָרן פֿון צוויי קעגנזײַטיקע פּאָזיציעס. אײַאַן הירסי אַלי, די עמיגראַנטקע פֿון סאָמאַלי, וועלכע האָט געמאַכט אַ פּאָליטישע קאַריערע אין האָלאַנד אָבער איצט איז זי אַריבער קיין אַמעריקע, האַלט איסלאַם פֿאַר אַ זאַמלונג פֿון אַלטע מעשׂיות, וועלכע קאָנען ניט אויסהאַלטן קיין ראַציאָנאַלע קריטיק, – פֿון איין זײַט; און פֿון דער צווייטער זײַט, דער שווייצער איסלאַמישער אַקטיוויסט טאַטיק ראַמאַדאַן, וועלכער שטאַמט פֿון די גרינדער פֿון איסלאַמישער פֿונדאַמענטאַליסטישער באַוועגונג, טענהט להיפּוך, אַז די גאַנצע איסלאַמישע לערע איז מן־השמים, און אַ פֿרומער מוסולמענער אין אייראָפּע איז מחויבֿ אויסצובעסערן דעם דעקאַדענטישן לעבנס־

דער זײַט.

די איצטיקע וויכּוחים אַרום דעם מצבֿ פֿון איסלאַם אין אייראָפּע דערמאָנען אין דעם גורלדיקן מאָמענט פֿון דער אייראָפּעיִשער געשיכטע, ווען דער פֿראַנקישער קעניג שאַרל מאַרטעל האָט מנצח געווען די איסלאַמישע אַרמיי לעבן פּואַטיע אין 732. צי האָט פֿראַנקרײַך פֿאַרלוירן אַ נײַע, שטילע „שלאַכט בײַ פּואַטיע" הײַנט, ווען בערך צען פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג זײַנען מוסולמענער, און די דאָזקע פּראָפּאָרץ האַלט אין איין וואַקסן? די דאָזיקע פֿראַגע שטעלט טימאָטי גאַרטאָן אַש אין זײַן רעצענזיע אויף די ביכער פֿון הירסי אַליס און בורומאַ.

סײַ בורומאַ און סײַ גאַרטאָן אַש צווייפֿלען, צי די ווערטן פֿון „מולטיקולטוראַליזם" בלײַבן קוראַנט אינעם קאָנטעקסט פֿון דער הײַנטיקער אייראָפּע. אין משך פֿון יאָרהונדערטער האָט האָלאַנד שטאָלצירט מיט איר טאָלעראַנץ, לגבי אַנדערע קולטורן און רעליגיעס. אָבער איצט האַלט זיך די האָלענדישע עפֿנטלעכע שטימונג אין איין בײַטן. אַ סך מענטשן ווילן פֿאַרטיידיקן די קערנדיקע ווערטן פֿון דער מערבֿדיקער ציוויליזאַציע בכלל, און פֿון דער האָלענדישער קולטור בפֿרט קעגן די „פֿרעמדע". אָבער ווער זײַנען אָט די פֿרעמדע? – פֿרעגט גאַרטאָן אַש. ער רופֿט זיי – די תּושבֿים פֿונעם „צווישנרוים", וואָס געפֿינט זיך ערגעץ צווישן מערבֿ און מיזרח. זייער היים איז ניט דאָ און ניט דאָרטן, ניט אין אייראָפּע און ניט אין

גאַרטאָן אַשס אַרטיקל איז גאַנץ פּעסימיסטיש. ער וואָרנט, אַז אייראָפּע האַלט בײַם סאַמע לעצטן שאַנס צו לייזן די פּראָבלעם פֿון איר מוסולמאַנישן „צווישן־פֿאָלק". אָט־אָט וועט עס ווערן צו שפּעט.

די טעאָרעטיקער פֿון דעם „אייראָפּעיִשן איסלאַם" זײַנען מער אָפּטימיסטיש לגבי דער צוקונפֿט, הגם זיי זײַנען ניט איינשטימיק וועגן דעם, ווי אַזוי זי דאַרף אויסזען. באַסאַם טיבי, אַ סיריער, וואָס לערנט אין דײַטשישע און אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, טרעט אַרויס קעגן טאַריק ראַמאַדאַן און באַשולדיקט אים אין געהיימע סימפּאַטיעס צו פֿונדאַמענטאַליזם. טיבי מאַכט אַ חילוק צווישן דעם איסלאַם, ווי אַ רעליגיע, און דעם „איסלאַמיזם", ווי אַ טאָטאַליטאַריסטישע אידעאָלאָגיע. ער באַמערקט, אַז איסלאַם איז בייגעוודיק און לאָזט זיך צופּאַסן צו פֿאַרשידענע לאָקאַלע באַדינגונגען. אַזוי אַרום, זאָגט ער, קאָן זיך איסלאַם צופּאַסן צו די ווערטן פֿון דער אייראָפּעיִשער קולטור. די אַרגומענטן פֿון טיבי און אַנדערע מעסיקע איסלאַמישע דענקער קלינגען ענלעך צו דער אידעאָלאָגיע פֿון „אייראָ־קאָמוניזם", וואָס האָט געוואָלט זיך אָפּטיילן פֿונעם „האַרטן" סאָוועטישן קאָמוניזם און פֿאָרצושטעלן דאָס „מענטשלעכע פּנים" פֿון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע. אָבער מען האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען, אויב אַזאַ מין קאָמוניזם איז בכלל מעגלעך. אַזוי ווי קאָמוניזם האַלט זיך איסלאַם פֿאַר אַן אַבסאָלוטן אמת, שטרעבט צו דער אַבסאָלוטער הערשאַפֿט און וויל אומבאַדינגט שפּילן די הויפּט־ראָלע.

ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס"־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס
איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

ווײַטער
חודשלעכע אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש
חודש יאַנואַר, 2007 ✦ נומער 10 ✦ 4 זײַטן ✦ צווייטער יאַרגאַנג

דער „פֿאָרווערטס" האָט לעצטנס געפּראַוועט דעם ערשטן געבוירן־טאָג פֿון אונדזער חודש־צײַטונג פֿאַר ייִדיש־לערנער „ווײַטער". סײַ די מיטעלע לייענער, סײַ די מער אַוואַנסירטע, האָבן הנאה פֿון די אַרטיקלען, אָנגעשריבן אין אַ לײַכטן ייִדיש, און די קאָלירפֿולע בילדער.

מיר צעטיילן „ווײַטער" בחינם צווישן די ייִדיש־קלאַסן און ייִדיש־קרײַזן, ווי אויך צווישן אַ סך יחידים. דערווײַל, צעשיקן מיר כּמעט 2000 עקזעמפּלאַרן איבער זעקס קאָנטינענטן. און כאָטש מיר פֿאַרשפּרייטן דעם „ווײַטער" אָן געלט, קאָסט עס אָפּ

עביטן פֿון ייִדישער געשיכטע און קולטור. אבער צום „לעקסיקאָן" האָט ער – אַזוי שײַנט מיר – זיך באַצויגן ניט זייער ערנסט. ניט איין מאָל האָב איך ניט געקאָנט געפֿינען אין אים קיין אינפֿאָרמאַציע וועגן מענטשן, וואָס זײַנען א היפּשע צײַט געווען פֿאַרבונדן מיט דער צײַטונג.

אין אייניקע פֿאַלן, אָבער, געפֿינט מען אין דעם „לעקסיקאָן" נעמען פֿון ייִדישע פּען־מענטשן, וואָס האָבן ניט געשפּילט קיין ממשותדיקע ראָלע אין דער „פֿאָרווערטס"־געשיכטע. צו יי געהערט, למשל, אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ (1901–1965). דאָך בין איך צופֿרידן, וואָס ד"ר שולמאַן האָט געפֿונען פֿאַר פּאָמעראַנצן אַן אָרט, ווײַל דאָס גיט מיר אַ מעגלעכקייט אָנצושרײַבן עטלעכע הונדערט ווערטער וועגן דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן מענטש.

פּאָמעראַנצעס ביאָגראַפֿיע איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון דער קאָמוניסטישער צײַטונג „פֿרײַהייט", וואָס האָט זיך באַוויזן אין ניו־יאָרק דעם 2טן אַפּריל 1922, דאָס הייסט מיט קאַרגע 85 יאָר צוריק. פּאָמעראַנץ האָט

אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ

געהערט צו די ניו־יאָרקער ייִדישע יונגע־לײַט, וועלכע זײַנען געווען פֿאַרכּישופֿט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. מיט די פּאָליטישע געשעענישן אין דער „אַלטער היים" האָט פּאָמעראַנץ אַסאָציִירט אויך די צוקונפֿט פֿון קולטור בכלל און דער ייִדישער ליטעראַטור בפֿרט. ער האָט געשריבן לידער אין דעם נוסח פֿון רוסישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער, אַזעלכע ווי וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי.

די צרה איז געווען, וואָס די רעדאַקטאָרן פֿון דער „פֿרײַהייט" האָבן אַזעלכע יונגע מחברים ווי פּאָמעראַנץ בדרך־כּלל וויניק צוגעלאָזט צו דער צײַטונג. די „פֿרײַהייט" האָט אין אירע ערשטע יאָרן צוגעצויגן אַ צאָל באַקאַנטע מיט דעם, וואָס די יוגנט איז אַרײַן אין די פֿעדערן. נאָך וויכטיקער, אָבער, איז געווען דער גאַנצער מצבֿ אין די לינקע ליטעראַרישע קרײַזן: צו דער צײַט האָבן אַ סך „מיטלויפֿער" פֿאַרלאָזט די קאָמוניסטישע קרײַזן, אָדער מע האָט זיי משלח געווען.

אין 1933־1935 האָט פּאָמעראַנץ זיך געלערנט אין קיִעוו, אין דעם אינסטיטוט פֿון ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור. אין יענע יאָרן איז עס געווען דער גרעסטער ייִדישער אַקאַדעמישער צענטער אין דער גאָרער וועלט. דאָרטן האָט פּאָמעראַנץ אָנגעשריבן און פֿאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע וועגן די אַמעריקאַנער ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער. זײַן מזל איז געווען, וואָס ער האָט געהאַט גענוג שׂכל ניט צו פֿאַרבלײַבן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ער האָט זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק און די קומענדיקע 15 יאָר געטרײַ געדינט דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער מאַשין פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמוניזם.

אַ סבֿרא, אַז סוף 1940ער יאָרן איז פּאָמעראַנץ געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן פֿענסטער (1902־1974), וועלכער איז אויך אין 1950 אַוועק פֿון די קאָמוניסטן און זינט 1957 געווען אַ שרײַבער אין „פֿאָרווערטס".

וואָס שייך פּאָמעראַנצן, האָט ער אין 1962, צום צענטן יאָרצײַט פֿונעם בלוטיקן 12טן אויגוסט 1952, אַרויסגעגעבן אַ בוך, וואָס ער האָט אָנגערופֿן „די סאָוועטישע הרוגי־מלכות". דאָס איז געווען זײַן פּערזענלעכער דענקמאָל נאָך די סאָוועטישע שרײַבער – סײַ די וואָס מע האָט דערשאָסן דעם 12טן אויגוסט, סײַ די וואָס מע האָט אומגעבראַכט אין אַנדערע טעג און יאָרן. אַ סך פֿון די דאָזיקע דיכטער, פּראָזאַיִקער און ליטעראַטור־קענער האָט פּאָמעראַנץ פּערזענלעך געקענט אָדער אַפֿילו זיך מיט זיי געחבֿרט. דאָס בוך איז אויך געוואָרן אַ דענקמאָל פֿאַר דעם ראָמאַנטישן שטראָם אין קאָמוניזם, צו וועלכן עס האָט געהערט פּאָמעראַנץ. ניט צופֿעליק האָט ער אָנגעשריבן אין „די סאָוועטישע הרוגי־מלכות", און אויסגעטיילט די ווערטער: „די בלוטיקע האַנט פֿון קרעמל האָט צעשאָסן ממש אויך די ניו־יאָרקער 'פֿרײַהייט'."

איסלאַם און די צוקונפֿט פֿון אייראָפּע

מיכאל קרוטיקאָוו (ען־אַרבאָר, מישיגען)
ספּעציעל פֿאַרן „פֿאָרווערטס"

ווי ווײַט קאָן זיך איסלאַם צופּאַסן צו אַנדערע קולטורן? קאָן מען שאַפֿן אַן „אייראָפּעיִשן" אָדער אַן „אַמעריקאַנער" נוסח פֿונעם איסלאַמישן גלויבן, ווי עס האָט זיך אַ מאָל אויסגעפֿורעמט דער אַפֿריקאַנער, אָדער דער מיזרח־אַזיאַטישער נוסח? ווי בייגעוודיק און טאָלעראַנט איז די איסלאַמישע טעאָלאָגיע? די דאָזיקע און אַנדערע ענלעכע פֿראַגעס ווערן מיט ברען אַרומגערעדט אויף די זײַטן פֿון דער אייראָפּעיִשער און אַמעריקאַנער פּרעסע. די עקסטרעמע פּונקטן פֿונעם אינטעלעקטועלן וויכּוח זײַנען לעצטנס באַטראַכט געוואָרן פֿון צוויי קעגנזײַטיקע פּאָזיציעס. איַאַן הירסי אַלי, די עמיגראַנטקע פֿון סאָמאַלי, וועלכע האָט געמאַכט אַ פּאָליטישע קאַריערע אין האָלאַנד אָבער איצט איז זי אַריבער קיין אַמעריקע, האַלט איסלאַם פֿאַר אַ זאַמלונג פֿון אַלטע מעשׂיות, וועלכע קאָנען ניט אויסהאַלטן קיין ראַציאָנאַלע קריטיק, – פֿון איין זײַט; און פֿון דער צווייטער זײַט, דער שווייצער איסלאַמישער אַקטיוויסט טאַטיק ראַמאַדאַן, וועלכער שטאַמט פֿון די גרינדער פֿון איסלאַמישער פֿונדאַמענטאַליסטישער באַוועגונג, טענהט להיפּוך, אַז די גאַנצע איסלאַמישע לערע איז מן־השמים, און אַ פֿרומער מוסולמענער אין אייראָפּע איז מחויבֿ אויסצובעסערן דעם דעקאַדענטישן לעבנסשטייגער פֿון די אייראָפּעיִשע פֿרײַדענקער.

לעצטנס, האָבן זיך אַרײַנגעמישט אין דער דיסקוסיע צוויי פּראָמינענטע ענגלישע אינטעלעקטואַלן: דער מומחה אין דער יאַפּאַנישער און כינעזישער געשיכטע איען בורומאַ און דער פֿאָרשער פֿון דער מיזרח־אייראָפּעיִשער פּאָליטיק טימאָטי גאַרטאָן אַש. בורומאַ, וועלכער שטאַמט, פֿון איין זײַט, פֿון אַ האָלענדישער ייִדישער משפּחה, האָט געווידמעט זײַן לעצט בוך „מאָרד אין אַמסטערדאַם" דער טראַגעדיע, וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט די האָלענדישע געזעלשאַפֿט – דער מאָרד פֿונעם קינאָ־רעזשיסאָר טעאָ וואַן גאָך, דורך אַן איסלאַמישן פֿאַנאַטיקער, פֿאַר זײַן קריטישן פֿילם וועגן די איסלאַמישע מינהגים, וואָס וואַן גאָך האָט געמאַכט אין איינעם מיט הירסי אַלי. בורומאַס פּאָזיציע איז נאָענט צו דעם קוקווינקל פֿון הירסי אַלי. ער באַציט זיך גאַנץ קריטיש צום באַגריף – „איסלאַם מן־השמים", אָבער ער וואָרנט, אַז די מלוכישע מאַכט טאָר זיך ניט אַרײַנמישן אין די רעליגיעזע ענינים. די מלוכה דאַרף נאָר פֿאַרזיכערן, אַז די רעליגיעזע מנהגים און גלויבענישן זאָלן ניט שאַפֿן קיין סכּנה פֿאַרן לעבן, געזונט און ווילזײַן פֿון אַנדערע בירגער, און דערבײַ לאָזן די עצם רעליגיע בײַ דער זײַט.

די איצטיקע וויכּוחים אַרום דעם מצבֿ פֿון איסלאַם אין אייראָפּע דערמאָנען אין דעם גורלדיקן מאָמענט פֿון דער אייראָפּעיִשער געשיכטע, ווען דער פֿראַנקישער קעניג שאַרל מאַרטעל האָט מנצח געווען די איסלאַמישע אַרמיי לעבן פּואַטיע אין 732. צי האָט פֿראַנקרײַך פֿאַרלוירן אַ נײַע, שטילע „שלאַכט בײַ פּואַטיע" הײַנט, ווען בערך צען פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג זײַנען מוסולמענער, און די דאָזקע פּראָפּאָרץ האַלט אין איין וואַקסן? די דאָזיקע פֿראַגע שטעלט טימאָטי גאַרטאָן אַש אין זײַן רעצענזיע אויף די ביכער פֿון הירסי אַליס און בורומאַ.

סײַ בורומאַ און סײַ גאַרטאָן אַש צווייפֿלען, צי די ווערטן פֿון „מולטיקולטוראַליזם" בלײַבן קוראַנט אינעם קאָנטעקסט פֿון דער הײַנטיקער אייראָפּע. אין משך פֿון יאָרהונדערטער האָט האָלאַנד שטאָלצירט מיט איר טאָלעראַנץ, לגבי אַנדערע קולטורן און רעליגיעס. אָבער איצט האַלט זיך די האָלענדישע עפֿנטלעכע שטימונג אין איין בײַטן. אַ סך מענטשן ווילן פֿאַרטיידיקן די קערנדיקע ווערטן פֿון דער מערבֿדיקער ציוויליזאַציע בכלל, און פֿון דער האָלענדישער קולטור בפֿרט קעגן די „פֿרעמדע". אָבער ווער זײַנען אָט די פֿרעמדע? – פֿרעגט גאַרטאָן אַש. ער רופֿט זיי – די תּושבֿים פֿונעם „צווישנרוים", וואָס געפֿינט זיך ערגעץ צווישן מערבֿ און מיזרח. זייער היים איז ניט דאָ און ניט דאָרטן, ניט אין אייראָפּע און ניט אין דעם לאַנד פֿון זייער אָפּשטאַם – מאַראָקאָ, אַלזשעריע, טערקײַ. אַ סך יונגע לײַט פֿאָרן זומערצײַט פֿון אייראָפּע „אַהיים" צו זייערע באָבע־זיידעס, און האַרבסט קערן זיי זיך אום אין די אומעטיקע אָרעמע געגנטן פֿון פּאַריז, אַמסטערדאַם, האַמבורג. „קולטורעל זײַנען זיי געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייטן", באַמערקט בורומאַ, און אַ סך פֿון זיי לײַדן פֿון דעפּרעסיע און אַנדערע פּסיכישע קראַנקייטן. דווקא פֿון אָט דעם קאָנטינגענט וואַקסן אונטער די צוקונפֿטיקע זעלנער פֿון „דזשיהאַד" און טעראָר.

לויט גאַרטאָן אַשס מיינונג, ליגט באַגראָבן דער שורש פֿון דער פּראָבלעם מיט די אייראָפּעיִשע מוסולמענער ניט אין דער רעליגיע גופֿא, נאָר אין דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע. דער רעליגיעזער ראַדיקאַליזם איז ניט מער ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דעם צעמישטן וועלטבאַנעם פֿון די יונגע אימיגראַנטישע „צווישן־מענטשן". שולדיק איז ניט די איסלאַמישע אמונה גופֿא: אַזוי ווי בורומאַ, האַלט גאַרטאָן אַש, אַז דער אופֿן פֿון גלויבן אָדער ניט גלויבן אין גאָט איז אַ פּערזענלעכער ענין פֿון אַ יחיד; כּל־זמן עס שטערט ניט די אַנדערע מענטשן, דאַרף מען לאָזן די רעליגיע צו רו. אָבער דער אויספֿיר פֿון גאַרטאָן אַשס אַרטיקל איז גאַנץ פּעסימיסטיש. ער וואָרנט, אַז אייראָפּע האַלט בײַם סאַמע לעצטן שאַנס צו לייזן די פּראָבלעם פֿון איר מוסולמאַנישן „צווישן־פֿאָלק". אָט־אָט וועט עס ווערן צו שפּעט.

די טעאָרעטיקער פֿון דעם „אייראָפּעיִשן איסלאַם" זײַנען מער אָפּטימיסטיש לגבי דער צוקונפֿט, הגם זיי זײַנען ניט איינשטימיק וועגן דעם, ווי אַזוי זי דאַרף אויסזען. באַסאַם טיבי, אַ סיריער, וואָס לערנט אין דײַטשישע און אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, טרעט אַרויס קעגן טאַריק ראַמאַדאַן און באַשולדיקט אים אין געהיימע סימפּאַטיעס צו פֿונדאַמענטאַליזם. טיבי מאַכט אַ חילוק צווישן דעם איסלאַם, ווי אַ רעליגיע, און דעם „איסלאַמיזם", ווי אַ טאָטאַליטאַריסטישע אידעאָלאָגיע. ער באַמערקט, אַז איסלאַם איז בייגעוודיק און לאָזט זיך צופּאַסן צו פֿאַרשידענע לאָקאַלע באַדינגונגען. אַזוי אַרום, זאָגט ער, קאָן זיך איסלאַם צופּאַסן צו די ווערטן פֿון דער אייראָפּעיִשער קולטור. די אַרגומענטן פֿון טיבי און אַנדערע מעסיקע איסלאַמישע דענקער קלינגען ענלעך צו דער אידעאָלאָגיע פֿון „אייראָ־קאָמוניזם", וואָס האָט געוואָלט זיך אָפּטיילן פֿונעם „האַרטן" סאָוועטישן קאָמוניזם און פֿאָרצושטעלן דאָס „מענטשלעכע פּנים" פֿון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע. אָבער מען האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען, אויב אַזאַ מין קאָמוניזם איז בכלל מעגלעך. אַזוי ווי קאָמוניזם, האַלט זיך איסלאַם פֿאַר אַן אַבסאָלוטן אמת, שטרעבט צו דער אַבסאָלוטער הערשאַפֿט און וויל אומבאַדינגט שפּילן די הויפּט־ראָלע.

ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס"־אַסאַציאַציע

פֿאָרווערטס
איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

ווײַטער
חודשלעכע אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש
חודש יאַנואַר, 2007 ✦ נומער 10 ✦ 4 זײַטן ✦ צווייטער יאַרגאַנג

דער „פֿאָרווערטס" האָט לעצטנס געפּראַוועט דעם ערשטן געבוירן־טאָג פֿון אונדזער חודש־צײַטונג פֿאַר ייִדיש־לערנער „ווײַטער". סײַ די מיטעלע לייענער, סײַ די מער אַוואַנסירטע, האָבן הנאה פֿון די אַרטיקלען, אָנגעשריבן אין אַ לײַכטן ייִדיש, און די קאָלירפֿולע בילדער.

מיר צעטיילן „ווײַטער" בחינם צווישן די ייִדיש־קלאַסן און ייִדיש־קרײַזן, ווי אויך צווישן אַ סך יחידים. דערווײַל, צעשיקן מיר כּמעט 2000 עקזעמפּלאַרן איבער זעקס קאָנטינענטן. און כאָטש מיר פֿאַרשפּרייטן דעם „ווײַטער" אָן געלט, קאָסט עס אָפּ דער „פֿאָרווערטס־אַסאָציאַציע" אַ שיינע מטבע. די „פֿאָרווערטס־אַסאָציאַציע" איז אַ „נישט־פֿאַר־פּראָפֿיט"־אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט אַרויס יעדע וואָך צוויי אויסגעצייכנטע צײַטונגען, פֿאַר אַ שפּאָר ביסל געלט.

אויב איר ווילט שטיצן דעם „ווײַטער"־פּראָיעקט, קענט איר שיקן אַ בײַשטײַער צו דער „פֿאָרווערטס־אַסאָציאַציע" אויפֿן אַדרעס:

Yiddish Forward
45 East 33rd Street
New York, NY 10016

מיט אײַער צושטײַער וועט איר העלפֿן פֿאַרזיכערן, אַז „ווײַטער" זאָל טאַקע אָנגיין – ווײַטער!

אויב איר ווילט באַקומען דעם „ווײַטער", קלינגט אָן 212־453־9406, אָדער שיקט אַ בליצפּאָסט אויפֿן אַדרעס:

vayter@yiddish.forward.com

דאָס פֿײַנטעלע ייִדיש

צונױפֿגעשטעלט פֿון
גענאַדי עסטרײַך און מיכאל קרוטיקאָ

אַ שרײַבער איז געבוירן געוואָרן: יצחק באַשעוויס־זינגערס יוגנטלעכע ווערק אַנטדעקט אין בילגאָרײַ

מאָניקאַ אַדאַמטשיק־גאַרבאָווסקאַ איז פּראָפֿעסאָר פֿון אַמעריקאַנער און פֿאַרגלײַכיקער ליטעראַטור און די פֿאַרוואַלטערין פֿונעם צענטער פֿאַר ייִדישע לימודים אינעם מאַריאַ־קיורי־סקלאָדאָווסקאַ־אוניווערסיטעט אין לובלין (פּוילן); אַ מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פֿונעם אַקאַדעמישן יאָרבוך „פּאָלין“ ווי אויך אַן איבערזעצערין פֿון ענגליש און ייִדיש. זי איז די מחברטע פֿון די ביכער: „יצחק באַשעוויס־זינגערס פּוילן: פּליטה און צוריקקומען“, 1994; „הײַנטצײַטיקע פּויליש־ייִדישע ליטעראַטור: אַן אַנטאָלאָגיע“ (אין איינעם מיט ענטאָני פּאָלאָנסקי), 2001; „שאָטנס פֿון אידענטיטעט: ייִדישע ליטעראַטור ווי אַ פּילשפּראַכיקער פֿענאָמען“, 2004; „קאַזימיעזש — קוזמיר: אַ שטעטל פֿון פֿאַרשידענע חלומות“, 2006. אין 2004 איז זי באַלוינט געוואָרן מיט דער פּרעמיע אויף יאַן קאַרסקיס און פּאָלאַ נירענסקאַס נאָמען פֿאַר אירע פֿאָרשונגען אויף דעם געביט פֿון ייִדיש.

מיר ווילן אויסדריקן אונדזער דאַנקבאַרקייט דעם פּראָפֿעסאָר דוד ראָסקעס פֿאַר זײַן הילף אין צוגרייטן די דאָזיקע פּובליקאַציע.

מאָניקאַ אַדאַמטשיק־גאַרבאָווסקאַ
(לובלין, פּוילן)
ספּעציעל פֿאַרן „פֿאָרווערטס“

אין דעם בילגאָרײַער יזכּור־בוך „חורבן־בילגאָרײַ“ (רעד. אַבֿרהם קראָנענבערג, תּל־אָבֿיבֿ, 1956) לייענען מיר, אַז אין דער אָרטיקער דרוקערײַ איז געדרוקט געוואָרן יצחק באַשעוויסעס ערשטלינג ווערק אונטער נאָמען „סאַלאַמאַנדריע“.

אין דער אמתן איז „סאַלאַמאַנדריע“ ניט קיין באַזונדער ווערק, נאָר אַ צײַטשריפֿט, וואָס דער צוקונפֿטיקער לאַורעאַט פֿון דער נאָבעל־פּרעמיע האָט רעדאַקטירט אין איינעם מיט זײַנע פֿרײַנד אין בילגאָרײַ און וווּ ער האָט זיך אַליין געדרוקט. ביז לעצטנס האָט מען געוווּסט זייער ווייניק וועגן דער דאָזיקער פּובליקאַציע, הגם זי איז דערמאָנט געוואָרן דרך־אגבֿדיק אין אייניקע אַרטיקלען וועגן באַשעוויסעס פֿרײַיקער תּקופֿה.

אין מײַ 2003 האָב איך געהאָלפֿן אָרגאַניזירן אַ פֿעסטיוואַל לכּבֿוד באַשעוויסן אין בילגאָרײַ, וואָס האָט אויפֿגעוועקט אַן אינטערעס צו זײַנע ווערק, ווי אויך צו זײַן ברודערס און שוועסטערס שאַפֿונג און צום ייִדישן עבֿר פֿון דער שטאָט. פֿרילינג־צײַט, מיט אַ יאָר שפּעטער, האָט זיך אויף אַ בוידעם אין עפּעס אַ חורבֿה אין בילגאָרײַ אָפּגעזוכט עפּעס זייער אַ טשיקאַווע זאַך; מען האָט געפֿונען דאָרט עטלעכע הונדערט בויגנס געדרוקטע זײַטן פֿון דער אַמאָליקער ייִדישער דרוקערײַ, און צווישן זיי זײַנען געווען זײַטן פֿון „סאַלאַמאַנדריע“. אויפֿן סמך פֿון די אָפּגעהיטע זײַטן קאָן מען אויפֿשטעלן בערך אַ העלפֿט פֿון דער צײַטשריפֿט. אויפֿן טיטל־בלאַט געפֿינט מען די ווײַטערדיקע אינפֿאָרמאַציע: „סאַלאַמאַנדריע, זאַמלהעפֿט פֿון צײַט צו צײַט, רעדאַגירט דורך איטשע זינגער, העפֿט №1, תּרפּג (1923), פּרײַז 2000 מאַרק. אַרויסגעגעבן דורך א. זינגער און י. ש. א. קראָנענבערג, געזעצט בײַ נ. קראָנענבערג, בילגאָרײַ (פּלך לובלין). אויף פּויליש שטייט געשריבן: Drukarnia Kaminera w Biłgoraju, דאָס הייסט, קאַמינערס דרוקערײַ אין בילגאָרײַ.

דאָס שער־בלאַט ווײַזט, אַז די רעדאַקטאָרן האָבן געהאַט אין זינען אַרויסצולאָזן אַ ליטעראַרישע צײַטשריפֿט מיט אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פּנים. אין דער צײַטשריפֿט זײַנען דאָ צוויי טעקסטן פֿון באַשעוויסן. איינער אַ דערציילונג „וואָס דערציילט דער מיסטיקער פֿון טאַרנאָ־מיאַסטאָ“, וואָס איז אונטערגעשריבן „איטשע זינגער“; דער צווייטער איז אַן עסיי „דער באַנאַלער פֿוטוריזם“ – אָן קיין אונטערשריפֿט, אָבער לויט דעם סטיל און אינהאַלט קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז דער דאָזיקער טעקסט געהערט צו באַשעוויסן. עס איז זייער אינטערעסאַנט, וואָס די דאָזיקע יוגנטלעכע טעקסטן ווײַזן שוין די צוקונפֿטיקע ריכטונגען פֿון זײַן ליטעראַרישער און קריטישער קאַריערע. די מעשׂה איז אַ סאַטירישער מאָנאָלאָג פֿון אַ געבילדעטן „מיסטיקער“, וואָס ווערט קראַנק אויף שווינדזוכט. עס איז דאָ אַ געוויסע סימבאָלישע באַציִונג צווישן דעם דאָזיקן טעקסט און דעם אופֿן פֿון זײַן אַנטדעקונג. אין אַ קורצער הקדמה דערקלערט דער מחבר, אַז דאָס זײַנען „שטיקלעך פֿון אַ מיסטיקערס אַ טאָג־בוך אָן אַ דאַטע“, וועלכע זײַנען געפֿונען געוואָרן פֿאַרקנייטשט און באַפֿלעקט מיט טינט אין די הויזן־קעשענעס זײַנע נאָך זײַן טויט, און דערפֿאַר קאָן מען זיי פֿאַרעפֿנטלעכן נאָר טיילווײַז, אָבער דאָס איז גענוג צו געבן דעם לייענער אַ באַגריף פֿון יענעם מיסטיקער... און דאָס איז פּונקט ווי מען האָט אַנטדעקט באַשעוויסעס ווערק גופֿא: מען האָט געפֿונען איינצלנע פֿראַגמענטן, באַפֿלעקט און באַדעקט מיט שימל. אָבער דאָס איז גענוג, כּדי צו באַשרײַבן דעם סטיל פֿונעם צוקונפֿטיקן נאָבעל־לאַורעאַט.

עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן דער פֿאַקט, אַז באַשעוויס האָט אויסגעקליבן די פֿאָרעם פֿון מאָנאָלאָג פֿאַר זײַן ליטעראַרישן שאַפֿן אַזוי פֿרי. מיר ווייסן, אַז ער האָט אין די שפּעטערע יאָרן אויסגעשליפֿן די דאָזיקע פֿאָרעם ביז צו שלמות, כאָטש אין זײַנע ווערק פֿאַר דער מלחמה האָט ער זי ווייניק גענוצט. דער עסיי, פֿון דער אַנדערער זײַט, איז אַ שאַרפֿע און ביטולדיקע קריטיק פֿון פֿוטוריזם. באַשעוויס האָט אָפֿט מאָל באַטאָנט, אַז ער איז געווען קעגן כּלערליי איזמען און ליטעראַרישע עקספּערימענטן. צום סוף פֿונעם אָפּגעהיטן פֿראַגמענט דערמאָנט דער מחבר איראָניש די נעמען פֿון אורי־צבֿי גרינבערג, פּרץ מאַרקיש און מלך ראַוויטש.

פֿון די ביידע שטיק קומט באַשעוויס אַרויס ווי אַ שאַרפֿזיניקער און לעבעדיקער אָבסערוואַטאָר, מיט אַ גוטן חוש פֿאַר איראָניע, ווי זועלן כּוח־המדמה און אַ פֿעיִקייט צו שאַפֿן לעבעדיקע פּאָרטרעטן, וועלכע גרענעצן צו מאָל מיט קאַריקאַטור. להיפּוך צו זײַנע שפּע טערע ווערק, זעען די דאָזיקע יוגנטלעכ פֿראַגמענטן אויס ווייניקער ייִדישלעך און מעו „קאָסמאָפּאָליטיש“. עס ווערן דערמאָנט דיקענס אָסקאַר ווײַלד, דאַנטע און דאָסטאָיעווסקי. ד שאַרפֿקייט פֿון באַשעוויסעס צוקונפֿטיקער פּע איז בולט אין זײַן אַטאַקע קעגן פֿוטוריזם, וו ער פֿאַרגלײַכט דעם פֿוטוריסט, וועלכער אי אויף אַזוי באַזעסן מיטן זוכעניש פֿון נײַע אויס דרוק־מיטלען, אַז ער האָט מורא אַפֿילו אַ קו צו טאָן אויף דער אַלטער גוטער לבֿנה, מי אַ חסיד, וועלכער שרעקט זיך פֿאַר קוקן אויך אַן אשה.

אינטערעסאַנט אויך, אַז די דאָזיקע פּובלי קאַציע איז די איינציקע, וווּ באַשעוויס נוצט זײַן אמתן נאָמען און דערצו נאָך אין דער דימינוטיווער פֿאָרעם. שפּעטער, בעת זײַן „אָפּיציעלן“ וואַרשעווער דעביוט האָט ער זיך באַנוצט מיטן נאָמען „יצחק צבֿיי“ (אין דער רע צענזיע אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ נומער 34, דעצעמבער 1924) אָדער „צע“ („אויף דער עלטער“, „ליטעראַרישע בלעטער“, נומער 60, 26טן יוני 1925). שפּעטער, זינט דער פּובליקאַציע פֿון „נרות“ אינעם העברעיִשן „היום“ (נומער 224, 27סטן סעפּטעמבער, 1925) האָט ער אָנגענומען דעם פּען־נאָמען „יצחק באַשעוויס“, כּדי מען זאָל אים ניט פּלאָנטערן מיט זײַן ברודער, וועלכער איז געווען שוין גוט באַקאַנט צו יענער צײַט. זײַן אמתן נאָמען האָט ער גענוצט בלויז איין מאָל, אין זײַן איבערזעצונג פֿון לעאָן גלעזערס „פֿון מאָסקווע ביז ירושלים“, וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1938.

בעת די מעשׂה קומט פֿאָר אין דער בילגאָ רײַער געגנט (דאָס שטעטל טאַרנאָגרוד ווערט „טאַרנאָמיאַסטאָ“ – סײַ „מיאַסטאָ“ סײַ „גרוד“ מיינען שטאָט אויף פּויליש), באַהאַנדלט דער עסיי די שרײַבער, וועלכע זײַנען טעטיק מחוץ דער שטעטלדיקער סבֿיבֿה, אין וואַרשע. אַזאַ איז געווען די טבֿע פֿון באַשעוויסעס שרײַבן אין די שפּעטערע יאָרן: זײַנע דערציילונגען און דער ערשטער ראָמאַן זײַנער קומען פֿאָר אין דעם שטעטל, אָבער זײַנע עסייען און אינטערוויוען האָבן צו טאָן מיטן ליטעראַרישן לעבן אין וואַרשע.

בילגאָרײַ, וווּ זײַן זיידע פֿון דער מאַמעס צד איז געווען דער רבֿ, און וווּ דער יונגער יצחק האָט פֿאַרבראַכט בערך זעקס יאָר, צווישן 1917 און 1923, פֿאַרנעמט אַ ספּעציעל אָרט אין זײַן שאַפֿונג. דער ראָמאַן „דער שׂטן אין גאָרײַ“ און עטלעכע מעשׂיות קומען פֿאָר אין און אַרום בילגאָרײַ. די טאָפּאָגראַפֿיע פֿונעם שטעטל גאָרײַ איז באַזירט אויף בילגאָרײַ, די מעשׂה „דער חורבן פֿון קרעשעוו“ קומט פֿאָר אינעם קליין שטעטעלע Krzeszów אין יענער געגנט, דער האַלב־שדישער דערציילער פֿון „אַ טאָג־בוך פֿון אַ נישט־געבוירענעם“ וואַלגערט זיך אין דער טורבינער געגנט, „זײַדלוס דער ערשטער“ וווינט אין דער געגנט פֿון זאַמאָשטש און לובלין, אין „דער ייִד פֿון בבֿל“ וואַנדערט אַ בבֿלער ייִד פֿון לובלין קיין טאַרנאָגרוד, און גימפּל אין „גימפּל תּם“ קומט פֿון פֿראַמפּאָל.

אייניקע פּערסאָנאַזשן אין באַשעוויסעס ראָמאַנען און דערציילונגען האָבן זייערע

← ← ←

דעם 22סטן אַפּריל 2007
ווערט דער „פֿאָרווערטס“ 110 יאָר אַלט!



מאָניקאַ אַדאַמטשיק־גאַרבאָווסקאַ איז פּראָפֿעסאָר פֿון אַמעריקאַנער און פֿאַרגלײַ־כיקער ליטעראַטור און די פֿאַרוואַלטערין פֿונעם צענטער פֿאַר ייִדישע לימודים אינעם מאַריאַ־קיורי־סקלאָדאָווסקאַ־אוניווערסיטעט אין לובלין (פּוילן); אַ מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פֿונעם אַקאַדעמישן יאָרבוך „פּאָלין" ווי אויך אַן איבערזעצערין פֿון ענגליש און ייִדיש. זי איז די מחברטע פֿון די ביכער: „יצחק באַשעוויס־זינגערס פּוילן: פּליטה און צוריקקומען", 1994; „הײַנטצײַטיקע פּויליש־ייִדישע ליטעראַטור: אַן אַנטאָלאָגיע" (אין איינעם מיט ענטאָני פּאָלאָנסקי), 2001; „שאָטנס פֿון אידענטיטעט: ייִדישע ליטעראַטור ווי אַ פֿילשפּראַכיקער פֿענאָמען", 2004; „קאַזימיעזש — קוזמיר: אַ שטעטל פֿון פֿאַרשידענע חלומות", 2006. אין 2004 איז זי באַלוינט געוואָרן מיט דער פּרעמיע אויף יאַן קאַרסקיס און פּאָלאַ נירענסקאַס נאָמען פֿאַר אירע פֿאָרשונגען אויף דעם געביט פֿון ייִדיש.

מיר ווילן אויסדריקן אונדזער דאַנקבאַרקייט דעם פּראָפֿעסאָר דוד ראָסקעס פֿאַר זײַן הילף אין צוגרייטן די דאָזיקע פּובליקאַציע.

מאָניקאַ אַדאַמטשיק־גאַרבאָווסקאַ
(לובלין, פּוילן)
ספּעציעל פֿאַרן „פֿאָרווערטס"

אין דעם בילגאָרײַער יזכּור־בוך „חורבן־בילגאָרײַ" (רעד. אַבֿרהם קראָנענבערג, תּל־אָבֿיבֿ, 1956) לייענען מיר, אַז אין דער אָרטיקער דרוקערײַ איז געדרוקט געוואָרן יצחק באַשעוויסעס ערשטלינג ווערק אונטער נאָמען „סאַלאָמאַנדריע".

אין דער אמתן איז „סאַלאָמאַנדריע" ניט קיין באַזונדער ווערק, נאָר אַ צײַטשריפֿט, וואָס דער צוקונפֿטיקער לאַורעאַט פֿון דער נאָבעל־פּרעמיע האָט רעדאַקטירט אין איינעם מיט זײַנע פֿרײַנד אין בילגאָרײַ און וווּ ער האָט זיך אַליין געדרוקט. ביז לעצטנס האָט מען געוווּסט זייער ווייניק וועגן דער דאָזיקער פּובליקאַציע, הגם זי איז דערמאָנט געוואָרן דורך־אגבֿדיק אין אייניקע אַרטיקלען וועגן באַשעוויסעס פֿריִיקער תּקופֿה.

אין מײַ 2003 האָב איך געהאָלפֿן אָרגאַניזירן אַ פֿעסטיוואַל לכּבֿוד באַשעוויסן אין בילגאָרײַ, וואָס האָט אויפֿגעוועקט אַן אינטערעס צו זײַנע ווערק, ווי אויך צו זײַן ברודערס און שוועסטערס שאַפֿונג און צום ייִדישן עבֿר פֿון דער שטאָט. פֿרילינג־צײַט, מיט אַ יאָר שפּעטער, האָט זיך אויף אַ בוידעם אין עפּעס אַ חורבֿה אין בילגאָרײַ אָפּגעזוכט עפּעס זייער אַ טשיקאַווע זאַך; מען האָט געפֿונען דאָרט עטלעכע הונדערט בויגנס געדרוקטע זײַטן פֿון דער אַמאָליקער ייִדישער דרוקערײַ, און צווישן זיי זײַנען געווען זײַטן פֿון „סאַלאָמאַנדריע". אויפֿן סמך פֿון די אָפּגעהיטע זײַטן קאָן מען אויפֿשטעלן בערך אַ העלפֿט פֿון דער צײַט־שריפֿט. אויפֿן טיטל־בלאַט געפֿינט מען די ווײַטערדיקע אינפֿאָרמאַציע: „סאַלאָמאַנדריע, זאַמלהעפֿט פֿון צײַט צו צײַט, רעדאַגירט דורך איטשע זינגער, העפֿט №1, תּרפּג (1923), פּרײַז 2000 מאַרק. אַרויסגעגעבן דורך א. זינגער און י. ש. א. קראָנענבערג, געזעצט בײַ נ. קראָנענ־

„וואָס דערציילט דער מיסטיקער פֿון טאַרנאָ־מיאַסטאָ", וואָס איז אונטערגעשריבן „איטשע זינגער"; דער צווייטער איז אַן עסיי „דער באַנאַלער פֿוטוריזם" – אָן קיין אונטערשריפֿט, אָבער לויט דעם סטיל און אינהאַלט קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז דער דאָזיקער טעקסט געהערט צו באַשעוויסן. עס איז זייער אינטע־רעסאַנט, וואָס די דאָזיקע יוגנטלעכע טעקסטן ווײַזן שוין די צוקונפֿטיקע ריכטונגען פֿון זײַן ליטעראַרישער און קריטישער קאַריערע. די מעשׂה איז אַ סאַטירישער מאָנאָלאָג פֿון אַ געבילדעטן „מיסטיקער", וואָס ווערט קראַנק אויף שווינדזוכט. עס איז דאָ אַ געוויסע סימ־באָלישע באַציִונג צווישן דעם דאָזיקן טעקסט און דעם אופֿן פֿון זײַן אַנטדעקונג. אין אַ קורצער הקדמה דערקלערט דער מחבר, אַז דאָס זײַנען „שטיקלעך פֿון אַ מיסטיקערס אַ טאָג־בוך אָן אַ דאַטע", וועלכע זײַנען געפֿונען געוואָרן פֿאַרקנייטשט און באַפֿלעקט מיט טינט אין די הויזן־קעשענעס זײַנע נאָך זײַן טויט, און דערפֿאַר קאָן מען זיי פֿאַרעפֿנטלעכן נאָר טיילווײַז, אָבער דאָס איז גענוג צו געבן דעם לייענער אַ באַגריף פֿון יענעם מיסטיקער... און דאָס איז פּונקט ווי מען האָט אַנטדעקט באַשעוויסעס ווערק גופֿא: מען האָט געפֿונען איינצלנע פֿראַגמענטן, באַפֿלעקט און באַדעקט מיט שימל. אָבער דאָס איז גענוג, כּדי צו באַשרײַבן דעם סטיל פֿונעם צוקונפֿטיקן נאָבעל־לאַורעאַט.

עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן דער פֿאַקט, אַז באַשעוויס האָט אויסגעקליבן די פֿאָרעם פֿון מאָנאָלאָג פֿאַר זײַן ליטעראַרישן שאַפֿן אַזוי פֿרי. מיר ווייסן, אַז ער האָט אין די שפּעטערע יאָרן אויסגעשליפֿן די דאָזיקע פֿאָרעם ביז צו שלמות, כאָטש אין זײַנע ווערק פֿאַר דער מלחמה האָט ער זי ווייניק גענוצט. דער עסיי, פֿון דער אַנדערער זײַט, איז אַ שאַרפֿע און ביטולדיקע קריטיק פֿון פֿוטוריזם. באַשעוויס האָט אָפֿט מאָל באַטאָנט, אַז ער איז געווען קעגן כלערליי איזמען און ליטעראַרישע עקספּערימענטן. צום סוף פֿונעם אָפּגעהיטן פֿראַגמענט דערמאָנט דער מחבר איראָניש די נעמען פֿון אורי־צבֿי גרינבערג, פּרץ מאַרקיש און מלך ראַוויטש.

פֿון די ביידע שטיק קומט באַשעוויס אַרויס ווי אַ שאַרפֿזיניקער און לעבעדיקער אָבּ־סערוואַטאָר, מיט אַ גוטן חוש פֿאַר איראָניע, וויזועלן כּוח־המדמה און אַ פֿעיִקייט צו שאַפֿן

…פֿאָרעם. שפּעטער, בעת זײַן „אָפֿיציעלן" וואַרשעווער דעביוט האָט ער זיך באַנוצט מיטן נאָמען „יצחק צבֿי" (אין דער רע־צענזיע אין די „ליטעראַרישע בלעטער" נומער 34, דעצעמבער 1924) אָדער „צע" („אויף דער עלטער", „ליטעראַרישע בלעטער", נומער 60, 26טן יוני 1925). שפּעטער, זינט דער פּובליקאַציע פֿון „נרות" אינעם העברעיִשן „היום" (נומער 224, 27סטן סעפּטעמבער, 1925) האָט ער אָנגענומען דעם פּען־נאָמען „יצחק באַשעוויס", כּדי מען זאָל אים ניט פּלאָנטערן מיט זײַן ברודער, וועלכער איז געווען שוין גוט באַקאַנט צו יענער צײַט. זײַן אמתן נאָמען האָט ער גענוצט בלויז איין מאָל, אין זײַן איבערזעצונג פֿון לעאָן גלעזערס „פֿון מאָסקווע ביז ירושלים", וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1938.

בעת די מעשׂה קומט פֿאָר אין דער בילגאָ־רײַער געגנט (דאָס שטעטל טאַרנאָגרוד ווערט „טאַרנאָמיאַסטאָ" – סײַ „מיאַסטאָ" סײַ „גרוד" מיינען שטאָט אויף פּויליש), באַהאַנדלט דער עסיי די שרײַבער, וועלכע זײַנען טעטיק מחוץ דער שטעטלדיקער סבֿיבֿה, אין וואַרשע. אַזאַ איז געווען די טבֿע פֿון באַשעוויסעס שרײַבן אין די שפּעטערע יאָרן: זײַנע דערציילונגען און דער ערשטער ראָמאַן זײַנער קומען פֿאָר אין דעם שטעטל, אָבער זײַנע עסייען און אינטערוויוען האָבן צו טאָן מיטן ליטעראַרישן לעבן אין וואַרשע.

בילגאָרײַ, וווּ זײַן זיידע פֿון דער מאַמעס צד איז געווען דער רבֿ, און וווּ דער יונגער יצחק האָט פֿאַרבראַכט בערך זעקס יאָר, צווישן 1917 און 1923, פֿאַרנעמט אַ ספּעציעל אָרט אין זײַן שאַפֿונג. דער ראָמאַן „דער שׂטן אין גאָרײַ" און עטלעכע מעשׂיות קומען פֿאָר אין און אַרום בילגאָרײַ. די טאָפּאָגראַפֿיע פֿונעם שטעטל גאָרײַ איז באַזירט אויף בילגאָרײַ, די מעשׂה „דער חורבן פֿון קרעשעוו" קומט פֿאָר אינעם קליין שטעטעלע Krzeszów אין יענער געגנט, דער האַלב־שדישער דערציילער פֿון „אַ טאָג־בוך פֿון אַ נישט־געבוירענעם" וואַלגערט זיך אין דער טורבינער געגנט, „זײַדלוס דער ערשטער" וווינט אין דער געגנט פֿון זאַמאָשטש און לובלין, אין „דער ייִד פֿון בבֿל" וואַנדערט אַ בבֿלער ייִד פֿון לובלין קיין טאַרנאָגרוד, און גימפּל אין „גימפּל תּם" קומט פֿון פֿראַמפּאָל.

אייניקע פּערסאָנאַזשן אין באַשעוויסעס ראָמאַנען און דערציילונגען האָבן זייערע

← ← ←

דעם 22סטן אַפּריל 2007

וועט דער „פֿאָרווערטס" ווערן 110 יאָר אַלט!

קומט, פֿרייט זיך מיט אונדז אין

אונדזער ספּעציעלן יובֿיליי־נומער

איר קענט אָנטיילנעמען אין דעם היסטאָרישן נומער מיט אַ

באַגריסונג אין אונדזער צײַטונג

שיקט אײַער באַגריסונג דורך בליצפּאָסט צו

burko@yiddish.forward.com

פֿאַקס: 212-684-3949; אָדער קלינגט – 212-453-9412

דער טערמין פֿון שיקן אײַער באַגריסונג איז ביזן 12טן אַפּריל

לייגט נישט אָפּ, די צײַט איז קורץ!

לכּבֿוד דער דאַטע
מאַכן מיר אַ ספּעציעלן
פּרײַז פֿאַר באַגריסונגען:
‏$80 אַ נאָטיץ
אַ פֿערטל זײַט – $200
אַ האַלבע זײַט – $400
אַ גאַנצע זײַט – $800

➔ ➔ ➔

פּראָטאָטיפּן אין די געשטאַלטן פֿון בילגאָרײַער תּושבֿים. צווישן זיי זײַנען געווען משפּחה־מיטגלידער: אַזוי, למשל, באַזירט זיך רבֿ בעניש אַשכּנזי אין „שׂטן אין גאָרײַ" אויף דער געשטאַלט פֿון באַשעוויסעס זיידן. בילגאָרײַ פֿיגורירט ווי אַ סינאָנים פֿון גן־עדן (אַגבֿ, הייסט דאָס וואָרט „רײַ" דווקא גן־עדן אויף פּויליש). דאָס וואָרט „גן־עדן" טרעפֿט זיך עטלעכע מאָל אין באַשעוויסעס אויטאָביאָגראַפֿישע זאַכן, וועלכע דערציילן וועגן דער צײַט, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין בילגאָרײַ. דאָס איז בולט אין דער מעשׂה „בילגאָרײַ", וואָס שילדערט די שטאָט און די אַרומיקע געגנט פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון אַ בחור, וועלכער זעט דאָס אָרט צום ערשטן מאָל. ער קומט אַהין נאָך אַ לאַנגער רײַזע און אַנטפּלעקט, אַז בילגאָרײַ איז ניט סתּם אַ שיינע, רויִקע און זאַטע שטאָט (להיפּוך צו וואַרשע, ווּ עס הערשן הונגער און אומעט), נאָר דערצו נאָך אַן אָרט, ווּ ער הערט אויף צו פֿילן זיך ליידיק.

אין וואַרשע איז ער געווען גאַנץ פֿרעמד צווישן זײַנע חבֿרים: זײַן טאַטע איז געווען אַ רבֿ, בעת אַנדערע פֿאָטערס האָבן געהאַט ראַיעלע פּרנסות. ער האָט זיך געשעמט מיט זײַן מאַמעס נאָמען בת־שבֿע, וואָס האָט דערמאָנט אָן דער ליבע־מעשׂה צווישן דוד המלך און דער פֿרוי פֿון אוריה החתּי. ער האָט אויסגעזען אַנדערש, מיט זײַנע העל־רויטע האָר און פּאות. אָבער וואָס נענטער ער איז געקומען צום זיידנס שטעטל, אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן, אַז יעדער איינער האָט דאָ געקענט זײַן מאַמעס נאָמען, און די רויטע האָר זײַנען גאָר ניט געווען קיין יוצא־דופֿן צווישן זײַנע שוועסטערקינדער. עס איז ניט קיין חידוש, וואָס ער קומט צו אַן אויספֿיר: „איך בין געווען אין גן־עדן און געהאַט בלויז איין באַגער: אַז קיינער זאָל מיך דערפֿון ניט אַרויסטרײַבן". פֿיגוראַטיוו נעמט ער אָן די געשטאַלט פֿון אָדם הראשון.

אָבער דאָס איז געווען אויך אַ צײַט פֿול מיט אומרו. אייניקע האָבן אים קריטיקירט פֿאַר זײַן ניט־טראַדיציאָנעלער אויפֿפֿירונג, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין זײַן אינטערעס צו דער וועלטלעכער ייִדישער און וועלט־ליטעראַטור; די אַנדערע האָבן אים פֿאָרויסגעזאָגט אַ קאַריערע פֿון אַ שרײַבער אָדער אַ פֿילאָסאָף. חוץ דעם, איז דאָס לעבן אין בילגאָרײַ געווען באמת גאַנץ ווײַט פֿון גן־עדן. אַלע האָבן געלעבט אין איין שטוב אין דלות, וואָס איז געווען באַזונדער שווער צו פֿאַרטראָגן פֿאַר זײַן מאַמען, דער שטאָלצער טאָכטער פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם בילגאָרײַער רבֿ, און אָן קיין אויסזיכטן אויף אַ בעסער לעבן.

און, ווי עס קומט געוויינטלעך פֿאַר אין גן־עדן, מוז מען פֿון אים פֿריִער אָדער שפּעטער אַוועק. נאָך דעם ווי באַשעוויס האָט פֿאַרלאָזט בילגאָרײַ און געפֿאָרן קיין וואַרשע און ווײַט...
קיין ניו־יאָרק, פֿלעגט ער זיך כּסדר אומקע...
אַהין אין זײַן כּוח־הדמיון, סײַ אין די געשטאַל...
פֿון זײַנע ווערק און סײַ אין דער טאָפּאָגראַפֿ...
פֿון אַנדערע שטעטלעך. בעת זײַן באַזוך א...
בילגאָרײַ אין מײַ 2003 האָט ישׂראל זמיה, ד...
שרײַבערס זון, דערציילט, אַז אַ מאָל אין ...
1980ער, האָט ער געפֿרעגט זײַן טאַטן, צי ...
איז נאָך אַלץ בכּוח צו באַשרײַבן דעם זיידנ...
שטעטל. באַשעוויס האָט אים געענטפֿער...
„אוודאי. יעדע שטוב. יעדע גאַס. וואָלט ד...
ייִדישע בילגאָרײַ נאָך געשטאַנען, וואָלט א...
זיך גרינג געפֿונען מײַן וועג". ליידער, האָ...
זיך אָפּגעהיט בלויז קנאַפּע שפּורן פֿונעם ייִדי...
בילגאָרײַ – דערפֿאַר דאַרף מען זיך פֿריי...
אַז עס האָבן זיך אָפּגעזוכט אָט די זײַטל...
פֿון „סאַלאַמאַנדריע". און ווער ווייסט, אַפֿ...
וועט מען נאָך געפֿינען דאָס רעשט פֿון ד...
צײַטשריפֿט...

וואָס דערציילט דער מיסטיקער פֿון טאַרנאָמיאַסטאָ

שטיקלעך פֿון אַ מיסטיקערס אַ טאָגבוך, אָן אַ דאַטע. געפֿונען פֿאַרקנייטשט אין זײַנע הויזן־קעשענעס, נאָכן טויט. אַ סך בלעטלעך אין מאַנוסקריפּט פֿעלן, אָדער זענען באַגאָסן מיט טינט און פֿאַרפּעצט מיט פּוטער, צוליב וואָס מיר קאָנען נישט אַלץ געבן. דאָס ווייניקע וועט, אָבער, אויך גענוג זײַן צו קענען דעם ליבן מיסטיקער פֿון טאַרנאָמיאַסטאָ, עליו־השלום.

איטשע זינגער

I

שטענדיק, בײַ וואָס פֿאַר אַ געדאַנק איך זאָל נישט האַלטן, מוז איך מיך דערמאָנען אין פּיקוויקס געניאַלישן געדאַנק, ווי אַזוי אַ מענטש גייט אַרײַן דורך דער טיר און גייט אַרויס דורכן פֿענצטער. דאָס זעלבע איז יעצט געשען. – ווי לאַנג איז דען דאָ, אַז איך בין געזונט געווען? – און יעצט בין איך קראַנק! שפּײַ מיט פֿלאַגמאַ, ווי אָסקער ווײַלד מיט פּאַראַדאָקסן און הוסט אַזוי שרײַענדיק, אַז ס'וועט קיינער נישט לייקענען אין מײַן ערנסטקייט. – אָט אַזוי, זאָג איך, גייט עס אויף אונדזער וועלט.

אין דרויסן, זאָגט דער קאַלענדאַר, איז חודש מאַרץ און דער שניי איז געלבלעך ווי אַ צעקוועטשטע ראַנע. קוקט מיט תּרעומות אין בלײַערנעם הימל אַרײַן און קריצט אונטער די פֿיס, ווי אַ גוסס. אין דער זעלבער צײַט דרייט אום זיך אַ מיסטיקער אין טאַרנאָמיאַסטאָ – אָט אַזוי הייסט מײַן שטעטל – און הוסט אויס די לונגען סיסטעמאַטיש. – אין איינעם פֿון די גרויע טעג וועט מען טראָגן אין טאַרנאָמיאַסטאָ אַ לאַנגע מטה, באַדעקט מיט אַ שוואַרצער טוך. פּאַוו! דער מיסטיקער פֿון טאַרנאָמיאַסטאָ האָט זיך געפּאַקט!

[עס פֿעלן צוויי זײַטן]

... צעקרייעט הײַנט אין דער פֿרי, אַז דאָס גאַנצע בלוט האָט אין מיר אויפֿגעקאָכט. דורך די שפּאַלטן פֿון מײַנע לאָדן און דורכן האַרץ מײַנעם גיסן זיך שטראַלן אויף מײַן געלעגער, ווי קונדסים, שטעכן מיר די אויגן, ווי אַלטע חבֿרים און גלעטן מײַנע בלייכע באַקן. ערגעץ אין אַ ווינקל האָט די גרינע לחה מײַנע זיך אונטערגעצונדן אין דער ליכט און ווינקט ממזריש צו מיר, ווי זי זאָל זאָגן: מײַן צײַט איז געקומען.

דער גרינער וואַלד אַקעגן מײַן פֿענצטער זעט אויס, ווי אַ גרויסער באַרג, אויבן פֿאַרשפּיצט. נעכטן האָט מײַן קראַנק פּנים זיך געשפּיגלט אין ברויזנדן טײַך און הײַנט וועלן מיך אָפּשפּיגלען טויזנט גליקלעכע שוואַרצאַפּלען. דער געל־גאָלדענער וועג, וואָס פֿירט אין וואַלד, איז באַשטעלט אין בײדע זײַטן מיט פֿאַרשפּיצטע נאָדל־ביימער און פֿון מאָך אַרויס קריכן אַרויס די אויסגעשלאָפֿענע מוראַשקעס, ווי אַ דעמאָביליזירטע אַרמיי, לויפֿן אום אַהין־און־צוריק, יאָגן זיך, קרייצן זיך, ווי ייִדן בײַ מנחה און קוועלן אָן פֿון דער זון, ווי אויפֿגעשטאַנענע חולים.

איך האָב מיך אײַנגעהילט אין מײַן גרויען, צעריסענעם מאַנטל און זיך געלאָזט אויפֿן ברייטן, בלאָטיקן טאַרנאָמיאַסטער וועג. אַלטע פּויערים מיט אָפּגעשוירענע האָר און מיט סענקעוואַטע שטעקנס באַגריסן מיך, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, קוקן מיר נאָך און לאָזן זיך אַוועק. הינט שטעלן אויף פֿון פֿרייד זייערע לאַפּן, גענעצן פֿון גליק און באַגריסן מיך מיט אַ ביל. – איר האָט אַ מאָל געלייענט דאָס בוך, ווי אַזוי ראַסקאָלניקאָוו איז ווידער אויפֿגעשטאַנען צום לעבן? – ניין, דאָס ווייסט איר נישט. איך האָב עס מיר אַליין דערציילט און געשמייכלט. צוגעהאַלטן מיר דאָס מויל און זיך צערעדט מיט מיר אַליין.

דו זעסט דעם בוים?

– אין גאַנצן זעט ער אויס, ווי אַ העלפֿאַנט מיט אַ פֿאַרריסענעם ריסל. בײַ דעם דאָזיקן בוים האָב איך אַמאָל מײַנע לידער געשריבן, הײַנט דרייט ער זיך אויס צו זײַן חבֿרה, פֿאַרלאַנגט פֿון אים, דוכט זיך, אַ שמעק טאַבאַק און איז ווי געעלטערט געוואָרן. אַן אַלטע טאָפּאָליע מיט אַן אויסגעהוילטן בויך האָט זיך אויסגעבויגן צום וועג, זוכט עפּעס אין דער בלאָטע, מאַכט גימנאַסטיק און וויינט פֿון פֿרייד מיט ברוינער זשיוויצע. פֿון אַ קליין בערגל קוקט אַהער אַ קליין צלמל, ווי אַ קונדס, דערציילט פֿריילעך ווי אַזוי...

[עס פֿעלט איין זײַט]

...אַ באַזוך. נאָר ס'איז דערווײַל נאַכט געוואָרן. אַזוי שטאַרק האָב איך מיך פֿאַרטראַכט אין מײַנע מיסטישע חלומות. דערווײַל איז אויפֿגעגאַנגען די לבֿנה. זי איז געשטאַנען אַ ביסל אָנגעברוגזט און באַשיידן, ווי אַן אָפּגעלעבטע פֿרוי און איר פּנים האָט געשײַנט קרענקלעך־מעלאַנכאָליש; דערמאָנט זיך אַוודאי אין אַלטע יאָרן, ווען זי פֿלעגט זיך שפּילן קאָקעטיש אין באַהעלטעניש און פּאָעטן האָבן זי אַרויסגערופֿן מיט ליבע־אויסגעשרייען. ווי באַלד אָבער זי האָט מיך דערזען, דעם טאַרנאָמיאַסטער מיסטיקער אירן, – האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

ווי לאַנג איז דאָ, אַז איך האָב געשריבן דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון מײַן טאָגבוך?

III

מיר איז עפּעס אַזוי גוט בײַם האַרץ, אַז איך וויל ווידער געזונט ווערן אויפֿן רעכטן אמת. איך בין געווען דאָס ערשטע מאָל זײַט איך בין קראַנק בײַם דאָקטאָר און געציטערט אונטער זײַנע גראָבע הענט, ווי אַ הין אין די הענט פֿון שוחט. זײַן סקעלעטיש פּנים האָט זיך יעדער מאָל אַקוראַט אַזוי אויסגעקרומט, גלײַך ווי אים זאָל שלאָגן אַ שטינקענדיקער גאַז פֿון מאָגן. ער האָט זיך פֿאַרקוקט טעמפּ אויף אַ צעפּלאָשעט פֿערד אויף דער וואַנט, אונטערגעפּויקט מיט די פֿינגער און געזיפֿצט.

– ווי אַלט זענט איר? – האָט ער מיך געפֿרעגט.

– 25 יאָר, יאָ.

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ מינע גלײַך ווי ער וואָלט זיך פֿאַרמאָסטן מיך שלאָגן און זײַן גאַנצע פֿיזיאָנאָמיע האָט געבעטן בײַ מיר פֿאַר אַ גראָשן פֿאַרצווייפֿלונג. מיר האָבן לאַנג זיך געקוקט אין די אויגן, אונטערגעברומ...
ווי צוויי אַטלעטן פֿאַר אַ וואַלקע און... א...
האָב מיך אַזוי קאַציש־נערוועז אַ צעלאַך געט...
אַז די טרויעריקע פֿאָטעלן זענען געבלי...
שטיין דערשראָקן; זיי האָבן נאָך קיין מאָל ...
נישט געהערט אַזעלכעס. איך האָב אָנגעט...
מײַן מאַנטל און אַוועק גאָרנישט רעדנדיק ...
גאָרנישט פֿרעגנדיק. די לופֿט אין דאָקטאָ...
שטוב איז אַזוי טונקל־דרוקנד אַקוראַט, ווי ד...
דאָקטאָר אַליין, און די גאַס האָט מיר אָפּגעגע...
ברוך־הבא.

אַרויס! – האָב איך אַ שמייכל געטון ...
אַוועק. איך האָב אָפּגעאָטעמט, ווי אַן עד...
אין אַ כינעזישן געריכט, נאָכדעם, וואָס ...
דערזעט ווידער די וועלט און מענטשן האָ...
זיך אַזוי עכט מענטשלעך און עכט הינט...
אָפּגעשטעלט, מיך אָנגעקוקט און אַוועק ...
רחמנות־פּנים.

פּעסימיסטן אַפֿילו, וואָס טראָגן שוואַר...
ברילן אויף זייערע קרומע נעז, קאָנען ני...
אָפּלייקענען, אַז גאָטס וועלט איז הערל...
ווען די זון שײַנט. איך בין געשטאַנען ב...
דאָקטאָרס טיר און אַזוי לאַנג געקוקט ...
פֿרייד אַרום זיך, ביז וואַנען יענער האָט ...
דאָרטן נישט באַוויזן. איך האָב אַ צ...
געטון. אין ליכט פֿון טאָג האָט זײַן ...
פּנים אויסגעזען, ווי אַ געשטאַלט פֿון ...
טויטן תּלין. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן ...
אויבן אַראָפּ, אַ קראַץ געטון אין די רוי...
ווײַנפּערלעך פֿון זײַן גראָבע, דאָקטאָריש...
נאָז און אויסגעשפּיגן.

– פֿאַר וואָס זענט איר אַנטלאָפֿן?

מיר האָבן זיך ווידער לאַנג אָנגעקוקט ...
מיר האָט זיך דערמאָנט עפּעס אַ מין פּויזע ...
אַ לאַנג־פֿאַרגעסענער דראַמע צי טראַגעד...
פּלוצלינג אָבער, האָט מיך אָנגענומען ...
רחמנות צו דעם דאָזיקן מענטש, און ...
האָב אָפּגעענטפֿערט אַזוי עכט טראַג...
טעאַטראַליש:

– דערפֿאַר, וואָס מיר איז אַלץ איינס – ...
איינס, געענטפֿערט האָט דער דאָקטאָר.

אַ גרויסע, שוואַרצע הונט מיט אַן אַר...
געשטרעקטער צונג איז אַדורך, זיך אָפּגעשטע...
און פֿריִער נישט אַוועק ביז וואַנען דער דאָקט...
האָט אים נישט אַוועקגעיאָגט. עטלעכע ווײַ...
חבֿרהניקעס האָבן זיך פֿאַרגאַפֿט אויף א...
און געסודעט זיך. מיר האָט זיך געחלומט, ...
מיר האָבן זיך אַלע אַזוי אָפּגעשטעלט ...
פֿאָטאָגראַפֿירן, און איך האָב נישט אויפֿגעה...
צוקוקן דעם דאָקטאָר אין פּנים אַרײַן. אָט ...
פֿאַרקוקט זיך אַ מאָל עמעץ אויף אַ חיה א...
קלאַטקע, צי... איין גאָט ווייסט!

דער דאָקטאָר האָט פּלוצלינג פֿאַרשט...
ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס, אָנג...
מען אַ פֿינצטערע מינע ווי אַ מאַנדאַרין ...
באַוועגט מיט זײַנע גראָבע, ברוין־בלויע ...
וואָס האָבן ווי געשאָלטן די וועלט. – יונג...
מאַן – האָט ער אַ זאָג געטון, איר זענט שוו...
זוכטיק. איך מוז עס אײַך דערציילן!

שטיקלער פֿון אַ מיסטיקערס אַ טאָגבוך, אָן אַ דאַטע. געפֿונען פֿאַרקנייטשט אין זײַנע הויזן־קעשענעס, נאָכן טויט. אַ סך בלעטלער אין מאַנוסקריפּט פֿעלן, אָדער זענען באַגאָסן מיט טינט און פֿאַרפּעצט מיט פּוטער, צוליב וואָס מיר קאָנען נישט אַלץ געבן. דאָס ווייניקע וועט, אָבער, אויך גענוג זײַן צו קענען דעם ליבן מיסטיקער פֿון טאַרנאָמיאַסטאָ, עליו־השלום.

איטשע זינגער

I

שטענדיק, בײַ וואָס פֿאַר אַ געדאַנק איך זאָל נישט האַלטן, מוז איך מיך דערמאָנען אין פּיקוויקס געניאַלישן געדאַנק, ווי אַזוי אַ מענטש גייט אַרײַן דורך דער טיר און גייט אַרויס דורכן פֿענצטער. דאָס זעלבע איז יעצט געשען. – ווי לאַנג איז דען דאָ, אַז איך בין געזונט געוועזן? – און יעצט בין איך קראַנק! שפּײַ מיט פֿלאַגמאַ, ווי אָסקער ווײַלד מיט פּאַראַדאָקסן און הוסט אַזוי שרײַענדיק, אַז ס'וועט קיינער נישט לייקענען אין מײַן ערנסטקייט. – אָט אַזוי, זאָג איך, גייט עס אויף אונדזער וועלט.

אין דרויסן, זאָגט דער קאַלענדאַר, איז חודש מאַרץ און דער שניי איז געלבלעך ווי אַ צעקוועטשטע ראַנע. קוקט מיט תּרעומות אין בלײַערנעם הימל אַרײַן און קריצט אונטער די פֿיס, ווי אַ גוסס. אין דער זעלבער צײַט דרייט אום זיך אַ מיסטיקער אין טאַרנאָמיאַסטאָ – אָט אַזוי הייסט מײַן שטעטל – און הוסט אויס די לונגען סיסטעמאַטיש. – אין איינעם פֿון די גרויע טעג וועט מען טראָגן אין טאַרנאָמיאַסטאָ אַ לאַנגע מטה, באַדעקט מיט אַ שוואַרצער טוך. פֿאַו! דער מיסטיקער פֿון טאַרנאָמיאַסטאָ האָט זיך געפּאַקט!

[עס פֿעלן צוויי זײַטן]

... צעקרייצט הײַנט אין דער פֿרי, אַז דאָס גאַנצע בלוט האָט אין מיר אויפֿגעקאָכט. דורך די שפּאַלטן פֿון מײַנע לאָדן און דורכן האַרץ מײַנעם גיסן זיך שטראַלן אויף מײַן געלעגער, ווי קונדסים, שטעכן מיר די אויגן, ווי אַלטע חבֿרים און גלעטן מײַנע בלייכע באַקן. ערגעץ אין אַ ווינקל האָט די גרינע לחה מײַנע זיך אונטערגעצונדן אין דער ליכט און ווינקט ממזריש צו מיר, ווי זי זאָל זאָגן: מײַן צײַט איז געקומען.

דער גרינער וואַלד אַקעגן מײַן פֿענצטער זעט אויס, ווי אַ גרויסער באַרג, אויבן פֿאַר־שפּיצט. נעכטן האָט מײַן קראַנק פּנים זיך גע־שפּיגלט אין ברויזנדן טײַך און הײַנט ווען מיך אָפּשפּיגלען טויזנט גליקלעכע שוואַרצאַפּלען. דער געל־גאָלדענער וועג, וואָס פֿירט אין וואַלד, איז באַשטעלט אין בײדע זײַטן מיט פֿאַרשפּיצטע נאָדל־ביימער און פֿון מאָך אַרויס קריכן אַרויס די אויסגעשלאָפֿענע מוראַשקעס, ווי אַ דעמאָביליזירטע אַרמיי, לויפֿן אום אַהין־און־צוריק, יאָגן זיך, קרייצן זיך, ווי ייִדן בײַ מנחה און קוועלן אָן פֿון דער זון, ווי אויפֿגעשטאַנענע חולים.

איך האָב מיך אײַנגעהילט אין מײַן גרויען, צעריסענעם מאַנטל און זיך געלאָזט אויפֿן ברייטן, בלאָטיקן טאַרנאָמיאַסטער וועג. אַלטע פּויערים מיט אָפּגעשוירענע האָר און מיט סענקעוואַטע שטעקנס באַגריסן מיך, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, קוקן מיר נאָך און לאָזן זיך אַוועק. הינט שטעלן אויף פֿון פֿרייד זייערע לאַפּן, גענעצן פֿון גליק און באַגריסן מיך מיט אַ ביל. – איר האָט אַ מאָל געלייענט דאָס בוך, ווי אַזוי ראַסקאָלניקאָוו איז ווידער אויפֿגעשטאַנען צום לעבן? – ניין, דאָס ווייסט איר נישט. איך האָב עס מיר אַליין דערציילט און געשמייכלט. צוגע־האַלטן מיר דאָס מויל און זיך צערעדט מיט מיר אַליין.

דו זעסט דעם בוים?

– אין גאַנצן זעט ער אויס, ווי אַ העלפֿאַנט מיט אַ פֿאַרריסענעם ריסל. בײַ דעם דאָזיקן בוים האָב איך אַמאָל מײַנע לידער געשריבן, הײַנט דרייט ער זיך אויס צו זײַן חבֿרה, פֿאַרלאַנגט פֿון אים, דוכט זיך, אַ שמעק טאַבאַק און איז ווי געעלטערט געוואָרן. אַן אַלטע טאָפּאָליע מיט אַן אויסגעהוילטן בויך האָט זיך אויסגעבויגן צום וועג, זוכט עפּעס אין דער בלאָטע, מאַכט גימנאַסטיק און ווײַנט פֿון פֿרייד מיט ברוינער זשיוויצע. פֿון אַ קליין בערגל קוקט אַהער אַ קליין צלמל, ווי אַ קונדס, דערציילט פֿריילעך ווי אַזוי...

[עס פֿעלט איין זײַט]

...אַ באַזוך. נאָר ס'איז דערווײַל נאַכט געוואָרן. אַזוי שטאַרק האָב איך מיך פֿאַרטראַכט אין מײַנע מיסטישע חלומות. דערווײַל איז אויפֿגעגאַנגען די לבֿנה. זי איז געשטאַנען אַ ביסל אָנגעברוגזט און באַשיידן, ווי אַן אָפּ־געלעבטע פֿרוי און איר פּנים האָט געשײַנט קרענקלעך־מעלאַנכאָליש; דערמאָנט זיך אַוודאי אין אַלטע יאָרן, ווען זי פֿלעגט זיך שפּילן קאָקעטיש אין באַהעלטעניש און פּאָעטן האָבן זי אַרויסגערופֿן מיט ליבע־אויסגעשרייען. ווי באַלד אָבער זי האָט מיך דערזען, דעם טאַר־נאָמיאַסטער מיסטיקער אירן, – האָט זי אַ שמייכל געטאָן.



ווי לאַנג איז דאָ, אַז איך האָב געשריבן דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון מײַן טאָגבוך?

III

מיר איז עפּעס אַזוי גוט בײַם האַרץ, אַז איך וויל ווידער געזונט ווערן אויפֿן רעכטן אמת. איך בין געוועזן דאָס ערשטע מאָל זײַט איך בין קראַנק בײַם דאָקטאָר און געציטערט אונטער זײַנע גראָבע הענט, ווי אַ הין אין די הענט פֿון שוחט. זײַן סקעלעטיש פּנים האָט זיך יעדער מאָל אַקוראַט אַזוי אויסגעקרומט, גלײַך ווי אים זאָל שלאָגן אַ שטינקענדיקער גאַז פֿון מאָגן. ער האָט זיך פֿאַרקוקט טעמפּ אויף אַ צעפּלאָשעט פֿערד אויף דער וואַנט, אונטערגעפּויקט מיט די פֿינגער און געזיפֿצט.

– ווי אַלט זענט איר? – האָט ער מיך גע־פֿרעגט.

– 25 יאָר, יאָ.

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ מינע גלײַך ווי ער וואָלט זיך פֿאַרמאָסטן מיך שלאָגן און זײַן גאַנצע פֿיזיאָנאָמיע האָט געבעטן בײַ מיר פֿאַר אַ גראָשן פֿאַרצווייפֿלונג. מיר האָבן

האָב מיך אַזוי קאַציש־נערוועז אַ צעלאַך געטון, אַז די טרויעריקע פּאַטעלן זענען געבליבן שטיין דערשראָקן; זיי האָבן נאָך קיין מאָל דאָ נישט געהערט אַזעלכעס. איך האָב אָנגעטון מײַן מאַנטל און אַוועק גאָרנישט רעדנדיק און גאָרנישט פֿרעגנדיק. די לופֿט אין דאָקטאָרס שטוב איז אַזוי טונקל־דרוקנד אַקוראַט, ווי דער דאָקטאָר אַליין, און די גאַס האָט מיר אָפּגעגעבן ברוך־הבא.

אַרויס! – האָב איך אַ שמייכל געטון און אַוועק. איך האָב אָפּגעאָטעמט, ווי אַן עדות אין אַ כינעזישן געריכט, נאָכדעם, וואָס ער דערזעט ווידער די וועלט און מענטשן האָבן זיך אַזוי עכט מענטשלעך און עכט הינטיש אָפּגעשטעלט, מיך אָנגעקוקט און אַוועק מיט רחמנות־פּנים.

פּעסימיסטן אַפֿילו, וואָס טראָגן שוואַרצע ברילן אויף זייערע קרומע נעז, קאָנען נישט אָפּלייקענען, אַז גאָטס וועלט איז הערלעך, ווען די זון שײַנט. איך בין געשטאַנען בײַם דאָקטאָרס טיר און אַזוי לאַנג געקוקט מיט פֿרייד אַרום זיך, ביז וואַנען יענער האָט זיך דאָרטן נישט באַוויזן. איך האָב אַ צאַפּל געטון. אין ליכט פֿון טאָג האָט זײַן בייז פּנים אויסגעזען, ווי אַ געשטאַלט פֿון אַ טויטן תּלין. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן אַראָפּ, אַ קראַץ געטון אין די רויטע ווײַנפּערלעך פֿון זײַן גראָבער, דאָקטאָרישער נאָז און אויסגעשפּיגן.

– פֿאַר וואָס זענט איר אַנטלאָפֿן?

מיר האָבן זיך ווידער לאַנג אָנגעקוקט און מיר האָט זיך דערמאָנט עפּעס אַ מין פּויזע פֿון אַ לאַנג־פֿאַרגעסענער דראַמע צי טראַגעדיע. פּלוצלינג אָבער, האָט מיך אָנגענומען דאָס רחמנות צו דעם דאָזיקן מענטש, און איך האָב אָפּגעענטפֿערט אַזוי עכט טראַגיש־טעאַטראַליש:

– דערפֿאַר, וואָס מיר איז אַלץ איינס – אַלץ איינס, געענטפֿערט הער דאָקטאָר.

אַ גרויסער, שוואַרצער הונט מיט אַן אַרויס־געשטרעקטער צונג איז אַדורך, זיך אָפּגעשטעלט און פֿריִער נישט אַוועק ביז וואַנען דער דאָקטאָר האָט אים נישט אַוועקגעיאָגט. עטלעכע ווײַסע־חבֿרהניקעס האָבן זיך פֿאַרגאַפֿעט אויף אונדז און געסודעט זיך. מיר האָט זיך געחלומט, אַז מיר האָבן זיך אַלע אַזוי אָפּגעשטעלט צום פֿאָטאָגראַפֿירן, און איך האָב נישט אויפֿגעהערט צוקוקן דעם דאָקטאָר אין פּנים אַרײַן. אָט אַזוי פֿאַרקוקט זיך אַ מאָל עמעץ אויף אַ חיה אין אַ קלאַטקע, צי... איין גאָט ווייסט!

דער דאָקטאָר האָט פּלוצלינג פֿאַרשטעקט בײדע הענט אין די הויזן־קעשענעס, אָנגענו־מען אַ פֿינצטערע מינע ווי אַ מאַנדאַרין און באַוועגט מיט זײַנע גראָבע, ברוין־בלויע ליפּן, וואָס האָבן ווי געשאָלטן די וועלט. – יונגער־מאַן – האָט ער אַ זאָג געטון, איר זענט שווינד־זוכטיק. איך מוז עס אײַך דערציילן!

דער באַנאַלער פֿוטוריזם

איך בין מודה, אַז כ'בין ערשט מיטן רוסישן „פֿוטוריזם" מיט אונדזערן געוואָר געוואָרן, וואָס אַזוינס ס'באַטײַטן די ווערטער „באַנאַל", „אויסגעדראָשן" און גאָר אַ סך אַזעלכע אויסדרוקן, וואָס פֿילן הײַנט אָן די שפּאַלטן פֿון זייערע מאמרים, אַקוראַט ווי דער מיוחסדיקער „תּכלת" פֿילט אָן די העבּ־רעיִשע פּאָעזיע. אין מײַנע צײַטן, כ'מיין פֿאַר דער מלחמה, איז אַ רוסישער באַנקנאָט גע־שטאַנען שמיטות און יובֿלים אויף איין אָרט און אַ בוך איז אויך אַזוי לאַנג פֿריש געוועזן. הײַנט פֿליִען ליטעראַרישע פֿאָרמען עקספּרעס־סיאָניסטיש, מאַכן דורך שיִער נישט אַזאַ וועג, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. און ס'איז אַ גרויסע סכּנה, אַז אַ מחבר זאָל לאָזן אַזוי לאַנג זײַן בוך אין מאַנוסקריפּט, ווי דאָס האָט אַ מאָל געטאָן אַן ענגלישער פּאָעט און ענלעכע. אין דער צײַט וואָלט עס געוואָרן נישט נאָר אַלט, נאָר פּשוט אַן אַנטיק, אַ מין פּאַפּירוס פֿון פּרעהס צײַטן.

„מען מאַכט שטענדיק עמעצן נאָך, ווען מען זעצט קרויט", האָט אַ מאָל זיך עמעץ אויסגעדריקט. טראָץ דעם אַלעמען איז די צניעותדיקע, בלײַכע און פֿרויִיש־צאַרטע לבֿנה אין גאַנצן אַראָפּ פֿון בענקל, נאָר דערפֿאַר, וואָס אַלטע פֿלעגן זיך אין איר ליבן שוין צופֿיל. מ'שמועסט, אַז אַ פֿוטוריסט גייט אין אַ לבֿנה־נאַכט מיטן קאָפּ צו דער ערד און האָט מורא אַ קוק צו טאָן אין דער העלער לבֿנה, אַקוראַט ווי אַן אַלטער חסיד האָט זיך געשראָקן פֿאַר אַן אשה, און אַז דער זעלבער כאַפּט אַ מאָל אינסטינקטיוו אַ קוק אין בלויען הימל, כאַפּט ער זיך צוריק, ווי אַ חסיד בעת אַ מחשבֿה זרה. מען טאָר נישט! נאָר ווי אַזוי די זאַך זאָל נישט זײַן – האָט זיך אונדזער ייִדישע ליטעראַטור גאַנץ אָפֿיציעל צעטיילט אין צווייען: אין אַלטער און אין נײַער. דאָס זעלבע אויך מיט דער מאָלערײַ.

„גאַנץ אייראָפּע שפּײַזט זיך מיט רעשטלעך, מעלה־גירהט אַלטע, אויסגעדרשענע באַגריפֿן, ווי אַ קו. דער עולם האָט זיך שוין אַזוי פֿיל אָנגעגעסן מיט דעם אַלטן, ווי אַן אָקס – מיט גראָז". אַזעלכע און ענלעכע אַפֿאָריזמען פֿולן אָן די היציקע רעדעס זייערע און – זייערע ביכער. דאָס וואָרט, האַלטן זיי, קאָן אַזוי לאַנג ווירקן אויף אונדזערע עמאָציעס, ווי לאַנג ס'איז נײַ און פֿריש, ווערט עס אָבער אַלט און אָפּגענוצט, דאַן איז דערפֿון געוואָרן אַ שמאַטע. דער זעלבער דאַנטע, וואָס האָט געהאַט די זכיה אַזוי לאַנג אינטערעסאַנט צו זײַן מיט זײַן „געטלעכער קאָמעדיע" – וואַרפֿט הײַנט אָן אויף אונדז אַ מרה־שחורה. אַזוי איז עס מיט דער ראָמאַנטיק און ערשט־אַלט־געוואָרענעם רעאַליזם. פֿאַר וואָס? קודם־כּל דערפֿאַר, וואָס דער אינהאַלט איז אַראָפּ פֿון דער סצענע. די באַגריפֿן זענען אַנדערש געוואָרן, אָנגענומען אַן אַנדער טעמפּאָ און רײַכער געוואָרן. צווייטנס, איז יענער פֿאָרעם אָפּגעריבן געוואָרן; מיר האָבן זיך שוין, הייסט עס, צו יענעם פֿאָרעם צוגעוווינט, אַקוראַט ווי אַ תּלין געוווינט זיך צו מיטן טויט און אַ מאַשיניסט – צום רויש פֿון דער מאַשין, אָדער: ווי אַ ייִדישער ליטעראַט געוווינט זיך צום דלות און אַ כּלל־טוער – צו דער גנבֿה. כּדי צו ווירקן אויף אונדזערע

אַטראָפֿירטע נערוועז דאַרף מען האָבן גאַנץ אַנדערע מיטלען און גאַנץ אַנדערע פֿאָרמען! – דער קיצור פֿון דער פֿוטוריסטישער אידעע.

אונדזערע שטאָלערנע מוחות און עלעקטרי־שע נערוון, וואָס שפּרייטן זיך אויס, ווי אַ דראָט־נעץ אין אונדזער קוביסטישן קערפּער, זענען אומרו־ק, ווי די אומרו אַליין. מיר זעען מער נישט קיין פֿיאָלעטישע, נאָר – בלוטיקע שקיעות. אַנשטאָט פֿרילינג־וואַסערלעך ריטש־קען זיך ריטשקעלעך פֿון בלוט מיט אייטער, און אַנשטאָט אַ לײַכטן אָוונט־ווינטל פֿליט אום דער צעשרפּעטער שגעון, באַפּעפֿערט מיט תּאווה. – גענוג געבענטשט גאָט! דער נעבעכדיקער גרינבערג האָט אויף זיך גענומען די הייליקע מיסיע אים צו שעלטן מיט טויטע קללות, זיך צו רייצן מיט אים, אַז די גאַל זאָל אים פּלאַצן, און אַלע אַנדערע שטייען אויך נישט לײַדיק: מאַרקיש איז אים מכבד מיט אַ היטל בלוט און ראַוויטש שיקט אויף אים זײַנע לידער, ווי קודלעוואַטע הינט. אים דער־ווידער וועט ער לעבן נײַנציק יאָר! – אָט איז דער אינהאַלט פֿון דעם נײַ־געשאַפֿענעם.

מיינען אָבער אונדזערע פֿוטוריסטן, אַז דערמיט האָבן זיי יוצא געווען?

פּיאָרעלאָ לאַגוואַרדיאַ און זײַן ייִדישער אָפּשטאַם

מרים שמולעוויטש־האָפֿמאַן (ניו־יאָרק)
ספּעציעל פֿאַרן „פֿאָרווערטס"

נישט אַנדערש ווי דאָס לעבן מאַכט אַזעלכע קאָזשלקעס, אַז ס'איז מיר שווער אָפּצוכאַפּן עם אָטעם. אפֿשר האָט דאָס צו טאָן מיט דער קרוין פֿון אונדזער באַשאַף, מיט דעם פֿיר־פֿיסיקן באַשעפֿעניש, וואָס דראַפּעט זיך אויף י גלײַכע ווענט און ווייסט שוין אַליין נישט עמען צו דראָען דאָס לעבן רחמנא־לצלן. און ויב ס'האָבן אונדז נישט געפֿעלט קיין צרות, איז ווו מ'גיט זיך אַ קער און אַ דריי וואַקסט אָרט אויס, ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט אַן חינו־בני־ישׂראל. צי דאָס איז סקוטער ליבי, אַרמישט אין „כ'האָב יאָ געהערט און כ'האָב ישט געהערט, וואָס דער שלישי למלך האָט ויסגעפּויקט אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד, אַז אַלערי פּליים איז אַ סי־אײַ־איי־ניצע, און פֿירט ו געהיים לעבן אין שפּיאָנאַזש"; צי האַוואַרד טערן, אַ נאַרישוואַטער און אַ גלאָמפּ, ועלכער איז נאָכגעגאַנגען פֿוס־טריט דער אַרשטאָרבענער פּופּע־דע־לופּע, אַננאַ ניקאָל מיט; צי דעם ייִדישן אָדם גאַדאַן, וועלכער איז אויסגעוואַקסן בײַ ייִדישע עלטערן אין אַליפֿאָרניע, און צו זיבעצן האָט ער געביטן אָס רענדל און אַריבער צו איסלאַם, געוואָרן ער שני למלך צום אײַמאַן אַל־זאַוואַהירי, אַל־יידאַס הויפּט טעראָר־טעאָרעטיקער. ס'איז עקומען דערצו, אַז איך האָב שוין מורא רײַנצוקוקן אין דער צײַטונג אָדער אָנשטעלן י טעלעוויזיע, ווײַל יעדער טאָג ברענגט ויסטערלישע געשעענישן, וואָס ס'איז זיי וווער צו פֿאַרדייען, סײַ אויף אַ ניכטערן און יײַ אויף אַ פֿולן מאָגן.

גלויבט צו גאָט, אַז מ'געפֿינט אַ מאָל אַ פֿונק ון סטאַטעטשנע און דערצויגענע מענטשן־יט, כאָטש מ'דאַרף צוריקקוקן דעם זייגער ויף זעכציק יאָר, ווען מען האָט נאָך געהאָפּט, ז דער מענטש וועט זיך בײַטן און ווערן אַ ענטש, און אַז מיר, די לעבעדיקע מענטשהייט יקלט זיך צום זון־אויפֿגאַנג און נישט אַרקערט. און דאָ קום איך צו אַזאַ איינעם, וואָס ען דאַרף אים קענען אָפּשאַצן ווי געהעריק. אָב איך זיך לעצטנס אָנגעשטויסן אין אַזאַ ינעם, אַ פּאַרשוין, וואָס איז אַרומגעגאַנגען וישן אונדז, אַ קאָפּ פֿול מיט אײַנפֿאַלן, אידייען ון אידעאַלן, אַ זעלטענער אַרטיקל הײַנט צו אָג. און דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער י דער באַליבטסטער און אָנערקענטסטער ירגערמײַסטער פֿון ניו־יאָרק זינט ניו־יאָרק אָט געוומען קלײַבן בירגערמײַסטערס. דאָס ן געווען דער קלענסטער, דער זשוואַווער ן בײַניקער פּיאָרעלאָ לאַגוואַרדיאַ. לויטן רישן דין איז ער געווען איינער פֿון אַחינו־בני־ראל. וועט איר דאָך פֿרעגן היתּכן? ווי פּאַסט ך מיר גאָר אַזאַ ווילדער גדולה? עפּעס ד אויף דעם בעסטן אַנגלאָ־ייִדישן זשורנאַל ן אַמעריקע, „מאָמענט", און געפֿין דאָרט אַס שטיקעלע נײַעס, וואָס ס'האָט פֿאַרצייכנט רמאַן געלב. דאָרט שטייט געשריבן בפֿירוש, לאַגוואַרדיאַ (1892–1947) איז געווען דער פֿון אַ ייִדישער מאַמען, אײַרין לוצאַטאָ־ן, געבוירן אין טריעסט, און אָנגעגעבן אויפֿן ונה־סערטיפֿיקאַט, אַז איר גלויבן איז אַן זראַעליטישע. זײַן איטאַליענישער טאַטע,

אַטשילע לאַגוואַרדיאַ, האָט אָנגעגעבן, אַז ער פֿאַלט נישט אונטער קיין שום רעליגיעזער קאַטעגאָריע. זיי האָבן זייער זון אַ נאָמען געגעבן פּיאָרעלאָ (קליין בלימעלע).

דער ווונדער פֿון דער גאַנצער געשיכטע באַשטייט אין דעם, וואָס פּיאָרעלאָ האָט זיך אויסגעלערנט צו רעדן ייִדיש בעת ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור, און געאַרבעט אין דער באַדינונגס־אינסטאַנץ פֿונעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַר אין ניו־יאָרק. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין יענע יאָרן האָט זיך געפֿונען אַ ריזיקע ייִדישע באַפֿעלקערונג, וואָס זייער לשון איז געווען ייִדיש. געזען, אַז מ'קען צוקומען צו די נײַע אימיגראַנטן אויף זייער לשון, האָט ער אויסגענוצט זײַן קענטשאַפֿט אין ייִדיש, בײַם אויפֿטרעטן אויף פּאָליטישע פֿאַרזאַמלונגען און אָפֿטע אויפֿשריפֿטן. זעט אויס, אַז לאַגוואַרדיאַ האָט גוט אויסגענוצט זײַן קענטשאַפֿט אין שפּראַכן. ווען ער פֿלעגט פֿירן זײַנע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, פֿאַר אַן עולם איטאַליענער, האָט ער גערעדט אויף איטאַליעניש. און ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו רעדן פֿאַר אַ ייִדישן פֿאַרזאַמלטן עולם, האָט ער גערעדט אויף ייִדיש. און דערצו פֿלעגט ער זיך בײַ יעדער פּאָליטישער פֿאַרזאַמלונג באַווײַזן מיטן „פֿאָרווערטס" אונטערן אָרעם.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי ווײַט עס קען דערגיין אַן אַמביציעזער בחור אין אַמעריקע, ווען ער שלײַפֿט זיך די ציין אויף אַ פּאָליטישער קאַריערע און האַלט אַן אויג אויף וואַשינגטאָן. לאַגוואַרדיאַ האָט פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון קאָנגרעסמאַן פֿון יאָר 1917 ביז 1919, און פֿון 1923 ביז 1933. „טאַמיני־האָל" (די מעכטיקע הויפּט־קוואַרטיר פֿון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי), האָט אין 1922 דווקא געשטיצט לאַגוואַרדיאַס ייִדישן קעגנער, הענרי פֿרענק. זיי האָבן לאַגוואַרדיאַן באַשולדיקט אין אַנטיסעמיטיזם. איר ווייסט דאָך, ווי ס'קומט צו נוץ אַזאַ מין ברוך־הבא בײַ וואַלן. אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט, אויף וועמען זיי האָבן זיך דאָ אָנגעטראָפֿן. דער זשוואַווער און קלוגער לאַגוואַרדיאַ, אַנשטאָט אַנטפּלעקן דעם סוד און אויסזאָגן דעם עולם, צו וועלכן גלויבן ער געהערט, האָט ער מאָמענטאַל אַרויסגערופֿן הענרי פֿרענקן אויף אַ דעבאַטע. מיט איין אונטערשייד: דער וויכּוח זאָל געהאַלטן ווערן אויף מאַמע־לשון. געהערט אַזאַ מעשׂה, האָט זיך פֿרענק נישט באַוויזן צו דער דעבאַטע, און לאַגוואַרדיאַ האָט געוווּנען די וואַלן. זײַן גאַנצע פּאָליטישע עקזיסטענץ, סײַ ווי אַ קאָנגרעסמאַן און שפּעטער ווי דער בירגערמײַסטער פֿון ניו־יאָרק (פֿון 1934 ביז 1945), פֿלעגט לאַגוואַרדיאַ זיך כּסדר אײַנשטעלן פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס און די, וואָס האָבן בשום אופֿן נישט געקענט אויסקומען מיט דעם געהאַלט, וואָס זיי האָבן פֿאַרדינט. ער איז אויך געווען איינער פֿון די ערשטע, וואָס האָבן געשטורעמט קעגן היטלערן און דער מערדערישער דײַטשישער מאָרד־מאַשין, וואָס האָט פֿאַרניכטעט האַלב אייראָפּע. לאַגוואַרדיאַס שטורעמדיקע רעדעס אויף דער ראַדיאָ און פּאָליטישע פּלאַטפֿאָרמעס אין 1934, האָבן אַרויסגענומען די דײַטשע פּרעסע פֿון די כּלים. זיי האָבן לאַגוואַרדיאַן באַצייכנט ווי „דער שמוציקער תּלמוד־ייִד".

אַחוץ די אַלע אויפֿטוען, האָט דער אויפֿטוערישער בירגערמײַסטער פֿון ניו־יאָרק געהאַט אַ האַנט אין צעברעכן „טאַמיני האָל", די קאָרומפּירטע פּאָליטישע מאַשין פֿון די דעמאָקראַטן, וואָס האָבן געפֿירט די גרענדע האָבנדיק אַ ריזיקע מאַכט אין דער ניו־יאָרקער פּאָליטיק. אַחוץ די אַלע זיבן זאַכן, באַשײַנט לאַגוואַרדיאַס נאָמען דעם „לאַגוואַרדיאַ־לופֿט־פֿעלד" אין ניו־יאָרק. געווען אַ צײַט ווען מען האָט געפֿרעגט דעם ניו־יאָרקער „מעיאָר" – ווי קומט עס, וואָס ער האָט געשוויגן ווען עס איז געקומען צו זײַן ייִדישן אָפּשטאַם? האָט ער געענטפֿערט:

– „איך האָב קיין מאָל נישט געהאַלטן, אַז עס פֿליסט גענוג ייִדיש בלוט אין מײַנע אָדערן, אויף צו באַרימען זיך מיט מײַן אָפּשטאַם".

כ'האָב אַמאָל געלייענט, דאַכט זיך בײַ דוד מאַטיסן – וועלכער איז געווען אַ געהילף־רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס" אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן, ווען דער שעף־רעדאַקטאָר איז געווען שמעון וועבער – אַז טשאַרלי טשאַפּלין האָט אויך אָפּגעשטאַמט פֿון ייִדן. אַז אין דער אמתן איז זײַן נאָמען געווען אַנשטאָט טשאַפּלין, קאַפּלאַן. און אַז מ'קוקט זיך גוט צו צו די טעמעס, מיט וועלכע טשאַרלי טשאַפּלין האָט זיך פֿאַרנומען בײַם מאַכן זײַנע אויסטערלישע פֿילמען, זעט מען בפֿירוש אַז אין אים קלאַפּט אַ ייִדיש האַרץ. דער פֿילם „דער גרויסער דיקטאַטאָר", איינער פֿון זײַנע בעסטע פֿילמען, באַהאַנדלט די ייִדישע לאַגע אין דײַטשלאַנד אין צײַט פֿון היטלערן. צום באַדויערן איז נישט גוט געווען צו זײַן אַ ייִד פֿון די צוואַנציקער ביז די פֿופֿציקער יאָרן און מיט אַ סמיטשיק אַריבער. דער האַס, דער עקל צו ייִדן פֿון דער קריסטלעכער וועלט האָט די אַמעריקאַנער ייִדן אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן אימת־מוות. ס'איז נישט געווען פּאָפּולער צו זײַן אַ ייִד אין יענער אַמעריקע. עס זײַנען געווען קוואָטעס פֿאַר ייִדן אין די מעדיצינישע שולן. פֿאַרשיידענע אוניווערסיטעטן האָבן בכלל נישט צוגעלאָזט קיין ייִדישע סטודענטן. אַפֿילו אין האָליווּד, כאָטש די גרויסע פֿילם־מאַגנאַטן זײַנען כּמעט אַלע געווען ייִדן, האָט מען זייער זעלטן געשפּילט אַ פֿילם אויף אַ ייִדישער טעמע, מיט אַן אויסנאַם פֿון אַל דזשאָלסאָן אינעם ערשטן רעדנדיקן פֿילם „דזשעז סינגער". שפּעטער זײַנען שוין געקומען פֿילמען וועגן די דיסקרימינאַציעס קעגן ייִדן, ייִדישע אַקטיאָרן זײַנען געווען געצוווּנגען

זיך צו בײַטן די נעמען, סטודענטן וואָס האָבן געוואָלט אָנקומען אויף די העכערע קורסן אין די געקליבענע אוניווערסיטעטן, האָבן געביטן זייערע נעמען. דער קלימאַט פֿאַר ייִדן איז יאָרן לאַנג נישט געווען קיין גינסטיקער.

ווי צײַטן בײַטן זיך, הײַנט זוכן די יונגע פּאָליאַטשקעס אַ טראָפּן ייִדיש בלוט אויף צו קענען אימיגרירן קיין אַמעריקע. הײַנט זוכן די יונגע דײַטשן כאָטש אַ ברעקעלע ייִדיש בלוט צו זײַן אָנגעהעריק צום ייִדישן פֿאָלק; אַזוי אַרום טראַכטן זיי, וועלן זיי רייניוואַשן דאָס געוויסן. ס'איז אַן אייביקער ייִדישער קאַמף מיט דער וועלט. המנס פֿעלן נישט. דער עיקר האָט ניו־יאָרק שוין פֿאַרמאָגט דעם ייִדישן „מעיאָר", עד קאָטש, וועלכער האָט קאָמאַנדעוועט גאַנצע צוועלף יאָר און זיך אײַנגעקויפֿט אַ רעפּוטאַציע פֿון אַ יענטע. וואָס אַן אמת האָט מעיאָר קאָטש זיך אַמאָל מטריח געווען און זיך אַרײַנגעכאַפּט אין ייִוואָ, אויסצופֿאָרשן פֿון וואַנען ער שטאַמט. איז וואָס־זשע מיינט איר? ער האָט אויסגעפֿונען, אַז זײַן משפּחה שטאַמט אָפּ פֿון אַ קליין שטעטעלע אין פּוילן און אַז זײַן משפּחה האָט געהאַנדלט מיט פֿערד. בלויז אין אַמעריקע קען אַ פּאַרשוין וואָס שטאַמט אָפּ פֿון פֿערד־הענדלער ווערן אַ בירגערמײַסטער פֿון דער גרעסטער שטאָט אין אַמעריקע.

בכלל איז ניו־יאָרק אַ מעטראָפּאָליע פֿון אַלעם, וואָס אַ דמיון קען אויספֿאַנטאַזירן. אַ שטאָט פֿון אַ געמיש פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקערשאַפֿטן מיט פֿאַרשיידענע קולטורן. דאָ קען מען געפֿינען „קליין איטאַליע" אין מאַנהעטן און אין דער בראָנקס, כינע־לאַנד אין „טשײַנע־טאַון" אין מאַנהעטן און אין קווינס, גריכנלאַנד אין אַסטאָריע און אַראַביע אין ברוקלין, ייִדישלאַנד אין וויליאַמסבורג, באָראָ־פּאַרק און קראַון־הײַטס אין ברוקלין. דאָ מישן זיך אויס די קאָרעער מיט די קאַמבאָדיער, דאָמיניקאַנער מיט קובאַנער, מעקסיקאַנער מיט אינדיאַנער, סײַ די „נייטיוו־אַמעריקען"־אינדיאַנער, און סײַ אינדיאַנער פֿון אינדיע, רוסן און טערקן, אַפֿראָ־אַמעריקאַנער און מערבֿ־אַפֿריקאַנער, דײַטשן און פּאָליאַקן, אירלענדער און אַלבאַניער. איך קען אַזוי אָנגיין ביז האַלבער נאַכט מיטן געמיש פֿון די פֿאַרשיידענע פֿעלקער. צו ווערן אַ בירגערמײַסטער איבער די פֿאַרשיידענע פֿעלקערשאַפֿטן איז נישט קיין גרינג שטיקל אַרבעט. אָבער, קומענדיק צוריק צום מעיאָר פּיאָרעלאָ לאַגוואַרדיאַ – דער מענטש האָט פֿאַרמאָגט גרויס חכמה, פֿאַרשטענדעניש און אַ מענטשלעכן צוגאַנג און זאָרג פֿאַר דער ניו־יאָרקער באַפֿעלקערונג פֿון יענער צײַט.

דאָס פּינטעלע חן

(סוף פֿון זײַט 9)

דיע „דער קליינבירגער אינעם אַדלטום", די נעגערטע אורום אין אַנאַטאָל גלעבאָווס היסטאָרישער דראַמע „זאָגמוק", דאָס מיידל פֿון ווסעוואָלאָד ווישניעווסקיס כראָניק „אויף מערבֿ איז אומרויִק".

אין 1934 פֿאָרט די אוקראַיִנישע רעגירונג אַריבער פֿון כאַרקאָוו קיין קיִעוו. ווי אַ פּועל־יוצא דערפֿון ווערט דער כאַרקאָווער „גאָסעט" אָפּגעווישט. ס'האָט געזאָלט הייסן, אַז ער פֿאָרט איבער קיין קיִעוו און פֿאַראייניקט זיך מיטן קיִעווער „גאָסעט". אַ סך ייִדישע אַקטיאָרן האָבן דאַן פֿאַרלוירן זייער אַרבעט. ניוסיע שיינפֿעלד איז געווען צווישן די גליקלעכע, וועלכע האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן אינעם פֿאַראייניקטן טעאַטער.

די ערשטע ראָלע, אין וועלכער ס'האָט זי דערזען דער קיִעווער ייִדישער טעאַטער־עולם, איז געווען זיאָמקע קאָפּאַטש פֿון מ. דאַניִעלס פּיעסע מיט דעם זעלבן נאָמען. אין יענע יאָרן איז דאָס געווען איינע פֿון די פּאָפּולערסטע סצענישע ווערק, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן נישט בלויז אויף דער ייִדישער בינע. דערנאָך זײַנען געווען

שטעלן די אינסצענירונג פֿון יעקבֿ דינענזאָנס גרעסערער דערציילונג „יאָסעלע". ווען דער קינסטלערישער אָנפֿירער פֿונעם טעאַטער, משה גאָלדבלאַט, האָט געפֿרעגט בײַ מיר, וועמען טראַכט איך צו געבן די ראָלע פֿון יאָסעלען, האָב איך גלײַך געענטפֿערט: ניוסיע שיינפֿעלד.

איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. גראָד אין דער ראָלע האָט זיך בולט אַנטפּלעקט איר פֿילאַרטיקער טאַלאַנט. דאָס פּינטעלע חן האָט אַ שפּיל געטאָן מיט אַלע פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן, און ס'איז אַנטשטאַנען דאָס טראַגישע געשטאַלט פֿון אַן אָרעם און פֿאַרשטויסן ייִנגעלע, וואָס די שלעכטע מענטשן האָבן עס באַרויבט, צוגענומען דאָס גליק בײַ אַ קינד און, צולעצט, אויך זײַן לעבן.

שיינפֿעלדס יאָסעלע האָט גערירט, אַרויסגערופֿן מיטלײַד און איינצײַטיק אַנטציקט. דער זאַל איז געווען שטענדיק פֿול געפּאַקט.

דער 15טער פֿעברואַר, 1950. אונדזער לעצטע פֿאָרשטעלונג! ס'איז געגאַנגען דונאַיעווסקיס אָפּערעטע „דער פֿרײַער ווינט". ניוסיע שיינפֿעלד האָט געשפּילט אין איר די פֿאַרשײַטע פּעפּיטאַ, וועלכע האַלט אין איין שטיפֿן, פֿילט אויס פֿרייליכע קופּליעטן, טאַנצט.

THE SAMI ROHR LIBRARY OF RECORDED YIDDISH BOOKS

Now available from the Jewish Book Council

געהיים לעבן אין שפּיאָנאַזש"; צי האָוואַרד
טערן, אַ נאַרישעוואַטער און אַ גלאָמפּ,
עלכער איז נאָכגעגאַנגען פּוס־טריט דער
אַרשטאָרבענער פּופּע־דע־לופּע, אַננאַ ניקאָל
מיט; צי דעם ייִדישן אָדם גאַדאַן, וועלכער
יז אויסגעוואַקסן בײַ ייִדישע עלטערן אין
אַליפֿאָרניע, און צו זיבעצן האָט ער געביטן
אָס רענדל און אַריבער צו איסלאַם, געוואָרן
ער שני למלך צום אײַמאַן אַל־זאַוואַהירי, אַל־
ײדאַס הויפּט טעראָר־טעאָרעטיקער. ס'איז
עקומען דערצו, אַז איך האָב שוין מורא
רײַנצוקוקן אין דער צײַטונג אָדער אָנשטעלן
י טעלעוויזיע, ווײַל יעדער טאָג ברענגט
וריסטערלישע געשעענישן, וואָס ס'איז זיי
ווער צו פֿאַרדייען, סײַ אויף אַ ניכטערן און
ײַ אויף אַ פֿולן מאָגן.
געלויבט צו גאָט, אַז מ'געפֿינט אַ מאָל אַ פֿונק
ון סטאַטעטשנע און דערצויגענע מענטשן־
ײַט, כאָטש מ'דאַרף צוריקקוקן דעם זייגער
ויף זעכציק יאָר, ווען מען האָט נאָך געהאָפֿט,
ז דער מענטש וועט זיך בײַטן און ווערן אַ
ענטש, און אַז מיה, די לעבעדיקע מענטשהייט
ײַקלט זיך צום זון־אויפֿגאַנג און נישט
אַרקערט. און דאָ קום איך צו אַזאַ איינעם, וואָס
ען דאַרף אים קענען אָפּשאַצן ווי געהעריק.
האָב איך זיך לעצטנס אָנגעשטויסן אין אַזאַ
יינעם, אַ פֿאַרשוין, וואָס איז אַרומגעגאַנגען
ווישן אונדז, אַ קאָפּ פֿול מיט אײַנפֿאַלן, אידייען
און אידעאַלן, אַ זעלטענער אַרטיקל הײַנט צו
אָג. און דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער
י דער באַליבטסטער און אָנערקענטסטער
בירגערמײַסטער פֿון ניו־יאָרק זינט ניו־יאָרק
האָט גענומען קלײַבן בירגערמײַסטערס. דאָס
יז געווען דער קליינינקער, דער זשוואַרצער
און בײַכיקער פֿיאָרעלאָ לאַגוואַרדיאַ. לויטן
ידישן דין איז ער געווען איינער פֿון אַחינו־בני־
שׂראל. ווועט איר דאָך פֿרעגן היתּכן? ווי פֿאַלט
ס מיר גאָר אײַן אַזאַ ווילדער געדאַנק? עפֿן
יך אויף דעם בעסטן אַנגלאָ־ייִדישן זשורנאַל
ין אַמעריקע, „מאָמענט", און געפֿין דאָרט
אָס שטיקעלע נײַעס, וואָס ס'האָט פֿאַרצייכנט
אַרמאַן געלב. דאָרט שטייט געשריבן בפֿירוש,
ז לאַגוואַרדיאַ (1947–1892) איז געווען דער
ון פֿון אַ ייִדישער מאַמען, אײַרין לוצאַטאָ־
כהן, געבוירן אין טריעסט, און אָנגעגעבן אויפֿן
תונה־סערטיפֿיקאַט, אַז איר גלויבן איז אַן
יזראַעליטישע. זײַן איטאַליענישער טאַטע,

זײַנע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, פֿאַר אַן עולם איטאַליענער, האָט ער גערעדט אויף איטאַליעניש. און ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו רעדן פֿאַר אַ ייִדישן פֿאַרזאַמלטן עולם, האָט ער גערעדט אויף ייִדיש. און דערצו פֿלעגט ער זיך בײַ יעדער פּאָליטישער פֿאַרזאַמלונג באַווײַזן מיטן „פֿאָרווערטס" אונטערן אָרעם.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי ווײַט עס קען דערגיין אַן אַמביציעזער בחור אין אַמעריקע, ווען ער שלײַפֿט זיך די ציין אויף אַ פּאָליטישער קאַריערע און האַלט אַן אויג אויף וואַשינגטאָן. לאַגוואַרדיאַ האָט פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון קאָנגרעסמאַן פֿון יאָר 1917 ביז 1919, און פֿון 1923 ביז 1933. „טאַמיני־האָל" (די מעכטיקע הויפּט־קוואַרטיר פֿון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי), האָט אין 1922 דווקא געשטיצט לאַגוואַרדיאַס ייִדישן קעגנער, הענרי פֿרענק. זיי האָבן לאַגוואַרדיאַן באַשולדיקט אין אַנטיסעמיטיזם. איר ווייסט דאָך, ווי ס'קומט צו נוץ אַזאַ מין ברוך־הבא בײַ וואַלן. אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט, אויף וועמען זיי האָבן זיך דאָ אָנגעטראָפֿן. דער זשוואַרער און קלוגער לאַגוואַרדיאַ, אַנשטאָט אַנטפּלעקן דעם סוד און אויסזאָגן דעם עולם, צו וועלכן גלויבן ער געהערט, האָט ער מאָמענטאַל אַרויסגערופֿן הענרי פֿרענקן אויף אַ דעבאַטע. מיט איין אונטערשייד: דער וויכּוח זאָל געהאַלטן ווערן אויף מאַמע־לשון. געהערט אַזאַ מעשׂה, האָט זיך פֿרענק נישט באַוויזן צו דער דעבאַטע, און לאַגוואַרדיאַ האָט געוווּנען די וואַלן. זײַן גאַנצע פּאָליטישע עקזיסטענץ, סײַ ווי אַ קאָנגרעסמאַן און שפּעטער ווי דער בירגערמײַסטער פֿון ניו־יאָרק (פֿון 1934 ביז 1945), פֿלעגט לאַגוואַרדיאַ זיך כּסדר אײַנשטעלן פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס און די, וואָס האָבן בשום אופֿן נישט געקענט אויסקומען מיט דעם געהאַלט, וואָס זיי האָבן פֿאַרדינט. ער איז אויך געווען איינער פֿון די ערשטע, וואָס האָבן געשטורעמט קעגן היטלערן און דער מערדערישער דײַטשישער מאָרד־מאַשין, וואָס האָט פֿאַרניכטעט האַלב אייראָפּע. לאַגוואַרדיאַס שטורעמדיקע רעדעס אויף דער ראַדיאָ און פּאָליטישע פּלאַטפֿאָרמעס אין 1934, האָבן אַרויסגענומען די דײַטשישע פּרעסע פֿון די כּלים. זיי האָבן לאַגוואַרדיאַן באַצייכנט ווי „דער שמוציקער תּלמוד־ייִד".

אַחוץ די אַלע אויפֿטוען, האָט דער אויפֿטועריש בירגערמײַסטער פֿון ניו־יאָרק גע־ טשאַרלי טשאַפּלין האָט אויך אָפּגעשטאַמט פֿון ייִדן. אַז אין דער אמתן איז זײַן נאָמען געווען אַנשטאָט טשאַפּלין, קאַפּלאַן. און אַז מ'קוקט זיך גוט צו צו די טעמעס, מיט וועלכע טשאַרלי טשאַפּלין האָט זיך פֿאַרנומען בײַם מאַכן זײַנע אויסטערלישע פֿילמען, זעט מען בפֿירוש אַז אין אים קלאַפּט אַ ייִדיש האַרץ. דער פֿילם „דער גרויסער דיקטאַטאָר", איינער פֿון זײַנע בעסטע פֿילמען, באַהאַנדלט די ייִדישע לאַגע אין דײַטשלאַנד אין צײַט פֿון היטלערן. צום באַדויערן איז נישט גוט געווען צו זײַן אַ ייִד פֿון די צוואַנציקער ביז די פֿופֿציקער יאָרן און מיט אַ סמיטשיק אַריבער. דער האַס, דער עקל צו ייִדן פֿון דער קריסטלעכער וועלט האָט די אַמעריקאַנער ייִדן אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן אימת־מוות. ס'איז נישט געווען פּאָפּולער צו זײַן אַ ייִד אין יענער אַמעריקע. עס זײַנען געווען קוואָטעס פֿאַר ייִדן אין די מעדיצינישע שולן. פֿאַרשיידענע אוניווערסיטעטן האָבן בכלל נישט צוגעלאָזט קיין ייִדישע סטודענטן. אַפֿילו אין האָליוווּד, כאָטש די גרויסע פֿילם־מאַגנאַטן זײַנען כּמעט אַלע געווען ייִדן, האָט מען זייער זעלטן געשפּילט אַ פֿילם אויף אַ ייִדישער טעמע, מיט אַן אויסנאַם פֿון אַל דזשאָלסאָן אינעם ערשטן רעדנדיקן פֿילם „דהע דזשעז סינגער". שפּעטער זײַנען שוין געקומען פֿילמען וועגן די דיסקרימינאַציעס קעגן ייִדן, ייִדישע אַקטיאָרן זײַנען געווען געצוווּנגען

אין אַמעריקע קען אַ פֿאַרשוין וואָס שטאַמט אָפּ פֿון פֿערד־הענדלער ווערן אַ בירגערמײַסטער פֿון דער גרעסטער שטאָט אין אַמעריקע.

בכלל איז ניו־יאָרק אַ מעטראָפּאָליע פֿון אַלעם, וואָס אַ דמיון קען אויספֿאַנטאַזירן. אַ שטאָט פֿון אַ געמיש פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקערשאַפֿטן מיט פֿאַרשיידענע קולטורן. דאָ קען מען געפֿינען „קליין איטאַליע" אין מאַנהעטן און אין דער בראָנקס, כינע־לאַנד אין „טשײַנע־טאַון" אין מאַנהעטן און אין קווינס, גריכנלאַנד אין אַסטאָריע און אַראַביע אין ברוקלין, ייִדישלאַנד אין וויליאַמסבורג, באָראָ־פּאַרק און קראַון־הײַטס אין ברוקלין. דאָ מישן זיך אויס די קאָרעער מיט די קאַמבאָדיער, דאָמיניקאַנער מיט קובאַנער, מעקסיקאַנער מיט אינדיאַנער, סײַ די „נייטיוו־אַמעריקען"־אינדיאַנער, און סײַ אינדיאַנער פֿון אינדיע, רוסן און טערקן, אַפֿראָ־אַמעריקאַנער און מערבֿ־אַפֿריקאַנער, דײַטשן און פּאָליאַקן, אירלענדער און אַלבאַנער. איך קען אַזוי אָנגיין ביז האַלבער נאַכט מיטן געמיש פֿון די פֿאַרשיידענע פֿעלקער. צו ווערן אַ בירגערמײַסטער איבער די פֿאַרשיידענע פֿעלקערשאַפֿטן איז נישט קיין גרינג שטיקל אַרבעט. אָבער, קומענדיק צוריק צום מעיאָר פֿיאָרעלאָ לאַגוואַרדיאַ – דער מענטש האָט פֿאַרמאָגט גרויס חכמה, פֿאַרשטענדעניש און אַ מענטשלעכן צוגאַנג און זאָרג פֿאַר דער ניו־יאָרקער באַפֿעלקערונג פֿון יענער צײַט.

דאָס פּינטעלע חן

(סוף פֿון זײַט 9)

דיע „דער קליינבירגער אינעם אַדלטום", די נעגערטע אורום אין אַנאַטאָל גלעבאָווס היסטאָרישער דראַמע „זאָגמוק", דאָס מיידל פֿון וואָסעוואָלאָדווישניעווסקיס כראָניק „אויף מערבֿ איז אומרויִק".

אין 1934 פֿאָרט די אוקראַיִנישע רעגירונג אַריבער פֿון כאַרקאָוו קיין קיִעוו. ווי אַ פּועל־יוצא דערפֿון ווערט דער כאַרקאָווער „גאָסעט" אָפּגעווישט. ס'האָט געזאָלט הייסן, אַז ער פֿאָרט איבער קיין קיִעוו און פֿאַראייניקט זיך מיטן קיִעווער „גאָסעט". אַ סך ייִדישע אַקטיאָרן האָבן דאַן פֿאַרלוירן זייער אַרבעט. ניוסיע שיינפֿעלד איז געווען צווישן די גליקלעכע, וועלכע האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן אינעם פֿאַראייניקטן טעאַטער.

די ערשטע ראָלע, אין וועלכער ס'האָט זי דערזען דער קיִעווער ייִדישער טעאַטער־עולם, איז געווען זיאָמקע קאָפּאַטש פֿון מ. דאַניִעלס פּיעסע מיט דעם זעלבן נאָמען. אין יענע יאָרן איז דאָס געווען איינע פֿון די פּאָפּולערסטע סצענישע ווערק, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן נישט בלויז אויף דער ייִדישער בינע. דערנאָך זײַנען געווען שולמית און דזשעסיקאַ. די אײַנלאַדונג פֿון שלמה מיכאָעלסן אַריבערצוגיין אין מאָסקווער „גאָסעט". זי איז אָבער געבליבן טרײַ דעם קיִעווער טעאַטער; צוזאַמען מיט אים געלאָזט זיך אין דער ווײַטער עוואַקואַציע, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, און צוזאַמען מיט אים זיך אומגעקערט אין יאָר 1945 קיין... ניין נישט קיין קיִעוו – אין קיִעוו האָט זיך פֿאַרן טעאַטער קיין אָרט נישט געפֿונען – נאָר טשערנאָוויץ; און דאָרט פֿאָרגעזעצט צו שאַפֿן אַלץ נײַע און נײַע סצענישע געשטאַלטן. צווישן די נײַע געשטאַלטן האָבן זיך געפֿונען: דאָניע, אין ליפּע רעזניקס מוזיקאַלישער קאָמעדיע מיטן זעלבן נאָמען; די פּאַרטיזאַנקע מאַרינאַ, אין משה פּינטשעווסקיס געטאָ־דראַמע „איך לעב"; די אַמעריקאַנערין ביטשע נעווי, אין אײַזיקס גובערמאַנס קאָמעדיע „כּדאַי צו לעבן אויף דער וועלט"; דער ממזרישער דינער ליאָפֿלעש, אין מאָליערס קלאַסישער קאָמעדיע „דער קאַרגער"; דאָס ייִנגעלע, אין אַבֿרהם גאָלדפֿאַדענס „די כּישוף־מאַכערין", וואָס זינגט אויס דאָס באַקאַנטע לידעלע „הייסע באַבקעלעך, ייִדעלעך קויפֿט".

אַ יאָר פֿאַר דעם, ווי ס'איז געשלאָסן געוואָרן אונדזער טעאַטער, האָט מען מיר פֿאַרטרויט צו שטעלן די אינסצענירונג פֿון יעקבֿ דינענזאָנס גרעסערער דערציילונג „יאָסעלע". ווען דער קינסטלערישער אָנפֿירער פֿונעם טעאַטער, משה גאָלדבלאַט, האָט געפֿרעגט בײַ מיר, וועמען טראַכט איך צו געבן די ראָלע פֿון יאָסעלען, האָב איך גלײַך געענטפֿערט: ניוסיע שיינפֿעלד.

איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. גראָד אין דער ראָלע האָט זיך בולט אַנטפּלעקט איר פֿילאַרטיקער טאַלאַנט. דאָס פּינטעלע חן האָט אַ שפּיל געטאָן מיט אַלע פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן, און ס'איז אַנטשטאַנען דאָס טראַגישע געשטאַלט פֿון אַן אָרעם און פֿאַרשטויסן ייִנגעלע, וואָס די שלעכטע מענטשן האָבן עס באַרויבט, צוגענומען דאָס גליק בײַ אַ קינד און, צולעצט, אויך זײַן לעבן.

שיינפֿעלדס יאָסעלע האָט גערירט, אַרויסגערופֿן מיטלײַד און איינצײַטיק אַנטציקט. דער זאַל איז געווען שטענדיק פֿול געפּאַקט.

דער 15טער פֿעברואַר, 1950. אונדזער לעצטע פֿאָרשטעלונג! ס'איז געגאַנגען דונאַיעווסקיס אָפּערעטע „דער פֿרײַער ווינט". ניוסיע שיינפֿעלד האָט געשפּילט אין איר די פֿאַרשײַטע פעפּיטאַ, וועלכע האַלט אין איין שטיפֿן, פֿילט אויס פֿריילעכע קופּליעטן, טאַנצט.

ניוסיע דערמאָנט זיך:

– דאָס האַרץ האָט געוויינט און איך האָב געלאַכט, געמאַכט לוסטיק דעם צושויער, ווי אַ וויכער געטראָגן זיך איבער דער בינע. – בײַ ניוסיען גיסן זיך אָן די אויגן מיט טרערן. – באַרויבט! באַרויבט, ווי מען האָט אַמאָל באַרויבט מײַן טײַערן יאָסעלע. צוגענומען דאָס טײַערסטע, וואָס איז געווען אין אונדזער אַלעמענס לעבן – דעם ייִדישן טעאַטער.

דערנאָך האָט די וווּנדערבאַרע ייִדישע אַקטריסע ניוסיע שיינפֿעלד געאַרבעט אין משך פֿון 25 יאָר אינעם לעמבערגער אוקראַיִניש־רוסישן ליאַלקע (פּופּן)־טעאַטער. אויסגעשפּילט אַ שלל מיט קעץ, הינט, וועווערקעס, פֿויגלען. געווען גליקלעך ווען ס'פֿלעגט זיך מאַכן אַ ראָלע פֿון אַ פֿאַרשײַט ייִנגל אָדער אַן עקסצענטרישע „לעבעדיקע" ראָלע אין אַ פֿאָרשטעלונג פֿאַר דערוואַקסענע און... געבענקט, שרעקלעך געבענקט, נאָכן ייִדישן טעאַטער, נאָך אַ ייִדיש וואָרט.

ניוסיע שיינפֿעלד איז אַוועק אין דער אייביקייט אין נאָוועמבער 1992. זאָל דאָס זײַן אַ ווידמונג אַנשטאָט אַ קראַנץ בלומען אויף איר קבֿר, אַ האַרציקע דערמאָנונג וועגן אַ פֿאַרלאָשענעם שטערן פֿונעם ייִדישן טעאַטער.

THE SAMI ROHR LIBRARY
OF RECORDED YIDDISH BOOKS

Now available from the Jewish Book Council



This historic compilation of Yiddish classics, read aloud by native Yiddish speakers at Montreal's Jewish Public Library, preserves complete, unabridged books on CD.

Thirty titles are now available, including works by:
Sholem Aleichem, Sholem Asch, I.L. Peretz, Mendele Moykher Sforim, and I.B. Singer, among others.

The complete 30-book set is available to qualifying libraries and institutions for just $240 plus $40 shipping, made possible by liberal grants from the Rohr Family of 80% of the retail price.

For more information, call 212-201-2921 or email jbc@jewishbooks.org

This project is supported by a generous grant from the Rohr family of Miami.